ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# ערכין

בלשון הקודש
ואידיש

**232 ב'**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת ערכין

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת ערכין

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

# מסכת ערכין פרק ראשון

(דף ו) **א אמר** רב נחמן אמר רבה בר אבוה אמר רב האומר סלע זו לצדקה מותר לשנותה בין לאחר בין לעצמו בין אמר עלי בין אמר ה"ז. ת"ר סלע זו לצדקה עד שלא באת ליד גבאי מותר לשנותה משבאת ליד גבאי אסור לשנותה (סס ע"ב) איני והא ר' ינאי יזיף ופרע שאני ר' ינאי דניחא להו לעניים דכמה דמשהי מעשה ומייתי להו. ת"ר ישראל שהתנדב מנורה או נר לבה"כ אסור לשנותה סבר ר' חייא בר אבא למימר לא שנא לדבר הרשות ולא שנא לדבר מצוה א"ל ר' אמי הכי א"ר יוחנן לא שנו אלא לדבר הרשות אבל לדבר מצוה מותר לשנותה :

נאמר . להלוותו לאחר : לעצמו. לצרכיו ולאחר זמן יחזור : רבי ינאי . גבאי היה ויזיף מעות מצדקה לצרכו ופרע : דכמה דמשהי . רבי ינאי דלית ליה אזוזי למפרע ניחא להו לעניים : דמעשה. רבי ינאי לגבור ואמר דלית ליה מעות לחלק לעניים וכופה אותם לצדקה ואיכא רווחא לעניים : אמר רב יהודה אלמלא וכו' כדמפרש לקמן בגמ'

## אין נערכין פרק שני

(דף ח ע"ב) **א כתיב** (תהלים לו) צדקתך כהררי אל וגו' אמר רב יהודה אלמלא צדקתך

---

## פרק ראשון

**א** אמר . רב נחמן האט געזאגט רבה בר אבהו האט געזאגט פון רבס וועגן אז איינער האלט אין האנט א טאלער אונ ער זאגט דער טאלער זאל געגעבין ווערין אויף צדקה . מעג ער ענדערין . ער מעג פאר בארגין צו איינעם דעם טאלער אדער ער מעג אוים געבין דעם טאלער פאר זיך . אונ אויף צדקה וועט ער געבין איין אנדער טאלער . סיי ער האט געזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל געבין א טאלער צדקה . אונ סיי ער האט געזאגט דער טאלער זאל זיין אויף צדקה . מעג ער דער ווייל אוים געבין דיא געלט וואס ער האט . אונ אויף צדקה וועט ער געבין איין אנדער טאלער . דיא רבנן האבען געלערנט אז איינער האלט א טאלער אונ ער זאגט דער טאלער זאל צו טיילט ווערין אויף צדקה . איידער ער האט געגעבין דעם טאלער צום גבאי . מעג ער אוים געבין דעם טאלער פאר זיך . אונ אויף צדקה וועט ער געבין איין אנדער טאלער . אבער אז ער האט שוין געגעבין דעם טאלער צום גבאי פון צדקה . טאר מען שוין ניט ניצען דעם טאלער צו קיין זאך . נאר מען מוז איהם צו טיילען צו ארעמע לייט . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי רבי ינאי איז דאך געוועזען א גבאי פון צדקה פלעגט ער בארגין פון צדקה געלט אונ פלעגט אוים געבין פאר זיך . אונ דער נאך פרעגט ער בצאהלין . ענטפערט דיא גמרא ביי רבי ינאי איז געוועזען אנדערש . דיא ארעמע לייט האבען געוואלט אז רבי ינאי זאל בארגען די צדקה געלט . ווענט אין דיא קאסע פון צדקה ניט זיין קיין געלט . ווענט ער בייטען דיא בעלי בתים זייא זאלען געבין געלט אויף צדקה . דער נאך אז רבי ינאי האט בצאהלט . איז מיט איין מאהל געווארען פיל געלט אין די קאסע :

דיא רבנן האבען געלערנט אז איד האט געזאגט דער לייכטער אדער דיא ליכט זאל איך געבין אין שוהל . טאר ער ניט ניצען דעם לייכטער אדער דיא ליכט צו קיין אנדער זאך . האט רבי חייא בר אבא געוואלט זאגין אז דעם לייכטער אדער דיא ליכט טאר מען ניט ניצען ניט פאר זיך אונ ניט צו א מצוה . האט רבי אמי געזאגט אזוי האט געזאגט רבי יוחנן פאר זיך טאר ער זיי ניט ניצען . אבער צו א מצוה מעג ער זיי ניצען :

## פרק שני

**א** כתיב . עס שטייט אין פסוק צדקתך כהררי אל משפטיך תהום רבה . האט רב יהודה געזאגט . זוי מיינט דער פסוק ווען דיינע צדקות וואלטען ניט געוועזען גרויס וויא די גרויסע בערג ווער

צדקתך כהררי אל מי יכול לעמוד לפני משפטיך תהום רבה רבה אמר צדקתך כהררי אל מפני שמשפטיך תהום רבה במאי קא מיפלגי בדר' אלעזר ור' יוסי בר חנינא דאיתמר ר' אלעזר אומר כובש ור' יוסי בר חנינא אומר נושא רבה כרבי אלעזר ורב יהודה כר' יוסי בר חנינא:

(דף י) **ב** **א"ר** יוחנן משום ר"ש בן יהוצדק י"ח ימים יחיד גומר בהם ההלל ח' ימי החג וח' ימי חנוכה וי"ט ראשון של פסח וי"ט של עצרת ובגולה כ"א ט' ימי החג שמונה ימי חנוכה וב' י"ט של פסח וב' י"ט של עצרת מאי שנא בחג דאמרינן כל יומא ומאי שנא בפסח דלא אמרינן (ע"ב) כל יומא דחג חלוקין בקרבנותיהן פסח אין חלוקין בקרבנותיהן שבת דחלוקה בקרבנותיה לימא

סגיני: כובש. כשהקב"ה שוקל מעשיו של אדם כשהן מחצה על מחצה כובש מן העונות וכובשן במצולות ים כמו שנאמר ישוב ירחמנו יכבוש עונותינו: נושא. מגביה מן העונות וכובשן למעלה כדי שיכריעו הזכיות כמו שנאמר נושא עון ופלוגתא דרבי אלעזר ורבי יוסי בר חנינא במסכת ר"ה רבה דאמר כר"א והכי משמע צדקתך הבאה עלינו כהררי אל מפני שאתה כובש לעונות בתהום רבה ורב יהודה כרבי יוסי בר חנינא והכי משמע אלמלא צדקתך שאתה מגביה העונות למעלה כהררי אל מי יוכל לעמוד בפניהם מפני שיהו מכריעין למטה עד תהום רבה:

ימי החג חלוקים בקרבנותיהן. דפרי החג מתמעטין

---

װער װאלט געקענט בשטיין בײ דיין משפט װאס ער איז טיף ביז צום גרויסען אבגרונד. רבה זאגט אזוי מיינט דער פסוק דיינע צדקות זענען גרויס װיא דיא גרעסטע בערג. װייל דיין משפט איז טיף ביז צום גרויסען אבגרונד. פרעגט דיא גמרא אין װאס קריגען זייא. ענפערט דיא גמרא זיי קריגען אין דער זעלביגע זאך װאס רבי אלעזר מיט רבי יוסי בר חנינא קריגען. װארום מיר האבען געלערנט רבי אלעזר זאגט כובש. װען גאט נעמט משפטין דעם מענטשין אונ ער װעגט די מצות מיט די עבירות. אויב עס װעגט גלייך די מצות נעגין די עבירות: נעמט גאט אראפ אביסול עבירות אונ װארפט זייא אריין ביז צום אבגרונד. זענען שוין דיא מצות מער װיא דיא עבירות. אונ רבי יוסי בר חנינא זאגט נושא. אז די מצות זענען גלייך מיט די עבירות האלט גאט די האגט אונטער דיא שאל מיט די עבירות אונ ער הייבט זיא אויף. גייט אראפ דיא שאל מיט דיא מצות נידעריג. װעהט אויס מצות מער װיא עבירות. רבה האלט װיא רבי אלעזר אונ טייטשט אזוי דעם פסוק. דיינע צדקות זענען װיא די גרעסטע בערג. װייל דוא נידערסט אראפ דיין משפט (דאס מיינט מען די עבירות) אין דעם אבגרונד אונ בעהאלסט זייא. אונ רב יהודה זאגט װיא רבי יוסי בר חנינא דריבער טייטשט ער אזוי דעם פסוק. װען עס װאלט ניט געװען דיינע צדקות (דוא זאלסט אויף הייבען דיא שאל מיט עבירות אין דיא הייך) אזוי װיא דיא הויכע בערג. װער װאלט געקענט בשטיין נעגין דיין משפט אויף דיא עבירות. װארום דיא עבירות װאלטין געברייגט דעם מענטשין ביז אין טיפען אבגרונד:

**ב** **אמר**. רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יהוצדק װעגין אכטצעהן טאג אין יאהר דארף יעדער מענטש זאגין גאנץ הלל. אכט טעג סוכות. אכט טעג חנוכה. דעם ערשטען טאג פסח. דעם איין טאג שבועות. אונ היינט אין גלות נאין תוץ לארץ זאגט מען איין אונ צװאנציג טעג גאנץ הלל. ניין טעג סוכות. אכט טאג חנוכה. דיא ערשטע צװיי טעג פסח. אונ צװייא טעג שבועות. פרעגט דיא גמרא פאר װאס סוכות זאגט מען אלע טאג גאנץ הלל. אונ פסח זאגט מען ניט אלע טאג גאנץ הלל. ענפערט דיא גמרא װייל סוכות איז מען יעדער טאג מקריב אנדערע קרבנות. דיא קרבנות װאס מען איז מקריב איין טאג איז ניט גלייך צו דיא קרבנות װאס מען איז מקריב דעם אנדערין טאג. דריבער איז יעדער טאג אבאזונדער יום טוב. דארף מען זאגין יעדער טאג גאנץ הלל. אבער פסח זענען דיא קרבנות פון יעדער טאג גלייך. איז גאנץ פסח איין יום טוב. דריבער איז גענוג אז מען זאגט נאר דעם ערשטען טאג גאנץ הלל. פרעגט דיא גמרא די קרבנות פון שבת זענען דאך אנדערש װיא דיא קרבנות פון דער װאכין. זאל מען שבת זאגין הלל. ענפערט דיא גמרא שבת װערט ניט גירופען יום

טוב

**לימא** לא איקרי מועד ר"ח דאיקרי מועד לימא לא איקדש בעשיית מלאכה דכתיב (ישעיה ל) השיר יהיה לכם כליל התקדש חג לילה המקודש לחג טעון שירה ושאין מקודש לחג אין טעון שירה ר"ה וי"ה דאיקרו מועד ואקדוש בעשיית מלאכה לימא משום דר' אבהו דא"ר אבהו אמרו מה"ש לפני הקב"ה רבש"ע מפני מה אין אומרים ישראל שירה לפניך בר"ה וי"ה א"ל אפשר מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחין לפניו וישראל אומרים שירה לפני והא חנוכה דלא הכי ולא הכי וקאמרינן משום ניסא פורים דאיכא ניסא לימא א"ר יצחק לפי שאין אומרים שירה על נס שבחוץ לארץ מתקיף לה רב נחמן בר יצחק והרי יציאת מצרים דנס שבח"ל לארץ הוא ואמרינן הלל כדתניא עד שלא נכנסו לארץ הוכשרו כל הארצות לומר שירה משנכנסו לארץ לא הוכשרו כל הארצות לומר שירה רב נחמן אמר קריאתה זו הלילא רבא אמר בשלמא התם הללו עבדי ה' ולא עבדי פרעה הכא הללו עבדי ה' ולא עבדי אחשורוש אכתי

וכולכין : ר"ח דאיקרי מועד . דכתיב קרא עלי מועד בפרק בתרא דתענית דהעגים תמוז דסכלא שתה מליוה מליא דכתיב קרא עלי מועד : סליר . סלג : מקודש . בעשיית מלאכה : קריאתה . קריאת המגילה:

---

טוב . פרעגט די גמרא ראש חודש זענען דאך די קרבנות אנדערש ווי אלע טאג און עס ווערט גירופין יום טוב . זאל מען זאגין גאנץ הלל . ענטפערט די גמרא וייל ראש חודש מעג מען טאהן מלאכה . הייסט דאס ניט קיין יום טוב . ווארום עס שטייט אין פסוק דער געזאנג פון הלל וועט זיין ביי אייך אזוי ווי די נאכט וואס איז גיהייליגט גיווארין צו יום טוב . די נאכט וואס איז גיהייליגט גיווארין צו יום טוב . מען זאל ניט ארבעטין קיין ארבעט . דארף מען זאגין הלל . אבער אז עס איז ניט גיהייליגט צו יום טוב . מען מעג טאהן אלע ארבעט . דארף מען ניט זאגין הלל . פרעגט דיא גמרא ראש השנה און יום כפור וואס עס ווערט גירופען יום טוב און מען טאר ניט טאהן קיין ארבעט . זאל מען זאגין הלל . ענטפערט די גמרא וייל רבי אבהו האט גיזאגט די מלאכים האבין גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם פאר וואס זאגין ניט דיא אידען פאר דיר הלל אום ראש השנה און יום כפור . האט גאט גיזאגט צו דיא מלאכים איך וואס בין דער מלך פון דער וועלט זיץ אויף מיין שטוהל צו משפטין און ביכער פון לעבעדיגע און ביכער פון טויטע זענען אפען פאר מיר . און זייא ווייסין ניט ווער עס וועט לעבין און ווער עס וועט שטארבין . זענען זייא דאך טרויעריג וויא אזוי קענען זייא זאגין הלל . פרעגט דיא גמרא חנוכה איז דאך ניט קיין יום טוב און מען מעג ארבעטין פאר וואס זאגט מען הלל . ענטפערט דיא גמרא וייל עס איז גיוועזן א נס . פרעגט דיא גמרא פורים איז דאך אויך גיוועזן א נס זאל מען זאגין הלל . האט רבי יצחק גיזאגט וייל מען זאגט ניט קיין הלל אויף דעם נס וואס איז גיוועזן אין חוץ לארץ . האט רב נחמן בר יצחק גיפרעגט דער נס וואס דיא יודען זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים איז דאך אויך גיוועזן אין חוץ לארץ און מען זאגט הלל . ענטפערט דיא גמרא אזוי וויא מיר האבען גילערנט איידער דיא יודען זענען אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל האט מען גיזאגט הלל אויף די נסים פון אלע לענדער . דער נאך וויא דיא יודען זענען שוין אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל . אויף דעם נס פון ארץ ישראל זאגט מען הלל און אויף דעם נס פון חוץ לארץ זאגט מען ניט קיין הלל . רב נחמן זאגט ווס מען לייענט פורים דיא מגלה דאס איז דער הלל זאגען . רבא זאגט ווען דער נס פון פורים איז גיוועזן האט מען גאר ניט גיקענט זאגען הלל . ווארום ווען דיא יודען זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים האבען זייא גזאגט הלל לויבט גאט וואס איר זענט גיווארין דיא קנעכט פון גאט און איר זענט שון ניט די קנעכט פון פרעה . אבער ביי פורים וויא וואלטען זייא זאגען לויבט גאט וואס איר זענט דיא קנעכט פון גאט און ניט דיא קנעכט פון אחשורוש . זייא זענען דאך נאך גיוועזן דיא קנעכט פון אחשורוש . פרעגט דיא גמרא נאך רב נחמן וואס ער זאגט דיא מגלה לייענען דאס איז דער הלל . מיר האבען דאך גילערנט ווען דיא יודען זענען אריין גינאנגען

אכתי עבדי אחשורוש אנן ולר"נ דאמר קריאתה זו היא הלילא והתניא משנכנסו לארץ לא הוכשרו כל הארצות לומר שירה כיון שגלו חזרו להתירן הראשון :

ג ת"ר אבוב היה במקדש חלק היה דק היה של קנה היה ומימות משה היה צוה המלך וציפוהו זהב וקולו לא היה ערב נטלו ציפויו והיה קולו ערב כמו שהיה. צלצל היה במקדש של נחשת היה והיה קולו ערב ונפגם ושלחו חכמים והביאו אומנים מאלכסנדריא של מצרים ותיקנוהו ולא היה קולו ערב נטלו תקונו והיה קולו ערב כמו שהיה. מכתשת היתה במקדש של נחשת היתה ומימות משה היתה והיתה מפטמת הבשמים נתפגמה והביאו אומנים מאלכסנדריא של מצרים ותיקנוה ולא היתה מפטמת כמו שהיתה נטלו תיקונה והיתה מפטמת כמו שהיתה אלו שני כלים נשתיירו ממקדש ראשון ונתפגמו ולא היה להם ארוכה ועליהם אמר דוד (מלכים א ז) נחשת ממורט (ד"ה ב ד) נחשת מורק ועליהם הוא אומר (עזרא ח) וכלי נחשת מוצהב. שנים חמודות כזהב רב ושמואל חד אמר שנים שקולים כאחד של זהב וח"א כל אחד ואחד שקול

חלק : קלוף : דק . גילדו דקה : גלגלו. ב' כלים חכים זה ע"ג זה וקולו דק וקורין לכם אבו"ל : מפטמת את הבשמים. שבה היו כותשין סממני הקטורת והי' קולו גלול ומפטמת הבשמים יפה ומוהגת כנס ריח כדאמריק בכריתות המותק אומר הדק היטב היטב הדק מפני שהקול יפה לבשמים : ב' כלים . גלגל ומכתשת : נחשת ממורט . דק שיכולין לקפלו : ממורק . קלל לאיטנ"ע : שניים . ב' גלגלים וב' מכתשות :

---

גיגאנגען אין ארץ ישראל (זענען אלע לענדער וואיסער ארץ ישראל) אסור געווארין צוא זאגען אין זיי שירה . וויא אזוי מעג מען לייענען די מגלה אין חוץ לארץ . ענפערט די גמרא וויא דיא ידען זענען פר טריבען געווארין פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ זענען צוריק אלע לענדער מותר געווארין צו זאגען אין זיי שירה :

ג תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט אין בית המקדש איז געוועזען אפייפיל ער איז געוועזען גלאט פון אפ גישיילטע האלץ . אונ ער איז געוועזען דין . אונ ער איז געוועזען געמאכט פון ארר שטאק . אונ ער איז געוועזען גימאכט אין דיא צייט וואס משה רבינו האט גילעבט אין דער מדבר . האט דער מלך גיהייסען האט מען איהם בדעקט מיט גאלד . האט ער ניט שיין געשפילט . האט מען אראפ גינומען דיא גאלד האט ער אזוי שיין געשפילט ווי פריער . אצינבור איז געוועזען אין בית המקדש . ער איז געוועזען פון קופער . אונ ער האט שיין געשפילט . דער נאך איז ער קאליע געווארין האבען דיא חכמים געשיקט אונ מען האט גיבריינגט בעל מלאכות פון אלכסנדריא וואס אין מצרים האבען זייא דעם צינבול פאריכט . האט ער ניט געשפילט אזוי שיין וויא פריער . האט מען אראפ גענומען דאס פאריכטונג האט ער געשפילט אזוי שיין וויא פריער . אשטויס איז געוועזען אין בית המקדש וואס מען האט אין איהם גישטויסען דיא בשמים . ער איז געוועזען פון קופער . אונ ער איז געוועזען גימאכט אין דער מדבר ווען משה רבינו האט גילעבט . אונ דער שטויסען האט גיגעבין אגישמאקען ריח אין דיא בשמים . דער נאך איז דער שטויס קאליע געווארין האט מען גיבריינגט בעל מלאכות פון אלכסנדריא וואס אין מצרים אונ מען האט דעם שטויס פאריכט . האט דער שטויסען ניט גיגעבין אגישמאקען ריח אין דיא בשמים וויא פריער . האט מען צוריק אראפ גינומען דאס פאריכטונג . האט דאס שטויסען צוריק גיגעבין אגישמאקען ריח אין דיא בשמים וויא פריער . דיא צווייא כלים (דער צינבול מיט דעם שטויס) זענען געבליבען פון דעם ערשטין בית המקדש אונ זיי זענען קאליע געווארין אונ מען האט זייא שוין ניט גיקענט פאריכטען . אונ אויף דיא צוויי כלים האט דוד גזאגט איינם איז געוועזען פון נחשת ממורט (דינע קופער) . אונ דאס אנדערע איז געוועזען פון נחשת מרק (גיגלאנצטע קופער) . אונ אויף דיא צוויי כלים האט עזרא גזאגט וכלי נחשת מוצהב . קופערנע כלים גיגלאנצטע . עס שטייט אין פסוק צוויי גלוסטיג ווי גאלד . רב אונ שמואל קריגען איינער זאגט אזוי מיינט מען צוויי כלים וואס זענען ווערט אזוי וויא איין כלי פון גאלד : אונ איינער זאגט אזוי מיינט מען יעדער כלי בזונדער איז ווערט אזוי וויא צווייא כלים פון גאלד .

שקול כשנים של זהב תני רב יוסף ששניהם שקולים באחד של זהב תניא ר' נתן אומר שניים היו שנאמר שנים אל תקרי שנים אלא שניים :

ד תני רבן שמעון בן גמליאל שילוח היה מקלח מים בבאיסר וצוה המלך והרחיבוהו כדי שיתרבו מימיו ונתמעטו חזרו ומיעטוהו והיה מקלח מים לקיים מה שנא' (ירמיה ט) אל יתהלל חכם בחכמתו וגו' :

ה אמר רבא בר שילא אמר רב מתנה אמר שמואל מגריפה היתה בבה"מ (דף יא) י' נקבים היו בה וכל אחד ואחד מוציא י' מיני זמר נמצאת כולה מוציאה ק' מיני זמר במתניתא תנא היא אמה וגבוה אמה וקתא יוצא הימנה ועשרה נקבים היו בה כ"א מוציא ק' מיני זמר נמצאת כולה מוציאה אלף מיני זמר אר"נ ב"י וסימניך מתני' גוזמא :

ו א"ר יהודה אמר שמואל מנין לעיקר שירה מן התורה שנאמר (דברים יח) ושרת בשם ה' אלהיו איזהו שירות שבשם הוי אומר זו שירה ואימא נשיאות כפים מדכתיב

שילוח. נהר: כבאיסר. שלא היו מימיו נובעין אלא כצנור קטן שאינו רחב אלא כמלוא איסר: ואעפ"כ היה מוציא מים לכל הצורך: אל יתהלל חכם וגו'. שחכמתו אינה אלא מקלקלת לפי שכלי מקדש ראשון נעשו על פי הגבורה כדכתיב הכל בכתב מיד ה' עלי השכיל :

מגריפה. שבה גורפין את דשן המזבח ויד"ל והיא כעין כף: י' נקבים היו בה ובכל נקב היה קנה אחד ובכל קנה וקנה היה בו י' נקבים ובכל נקב כל קנה מוציא מין זמר נמצאת כולה מוציאה מאה מיני זמר: וסימנך. שלא תטעה מי אמר מאה ומי אמר אלף: מתניתין גוזמא. דרך משניות להיות גוזמא כגון הך דאמר בתמיד חולין כו' גיד הנשה :

---

רב יוסף האט געלערנט די ביידע כלים זיינען ווערט ווי איין כלי פון גאלד. מיר האבען געלערנט רבי נתן זאגט עס איז געווען צוויא צימבלען אונ צוויא שטויסען. ווארום עס שטייט אין פסוק שנים. זאלסט ניט לייענען שנים. נאר זאלסט לייענען שניים: טאפעלע כלים. צווי צימבלען אונ צווי שטויסען :

ד תני. רבן שמעון בן גמליאל האט געלערנט אטייך איז געווען אין בית המקדש וואס פון איהם האט גיצויגען וואסער אזוי ברייט וויא אאיסר דאס איז אזוי אמטבע האט דער מלך גיבאטען מען זאל מאכען ברייטער דעם ציהונג פון דיא וואסער עס זאל גיין מער וואסער מען האט ברייטער געמאכט איז גיגאנגען נאך ווייניגער וואסער. האט מען צוריק שמעלער גימאכט אזוי וויא עס איז געווען פריער. איז גיגאנגען פיל וואסער אזוי וויא פריער. צו מקיים זיין וואס עס שטייט אין פסוק אחכם זאל זיך ניט לויבען מיט זיין חכמה. ווארום זיין חכמה וואס ער וויל זיך קליגען געגין גאט. מאכט איהם נאך מער קאליע. ווארום אלע זאכען פון בית המקדש איז געווען געמאכט דורך דעם גיבאט פון גאט. דריבער האט מען ניט גיטארט ענדערן :

ה אמר. רבא בר שילא האט גזאגט רב מתנה האט גזאגט פון שמואלס וועגין אוידקע איז געווען אין בית המקדש אין איר איז געווען צעהן לעכער אונ אין יעדער לאך איז געווען ארער. אונ אין יעדער רער איז געווען צעהן לעכער. אונ פון יעדער לאך איז ארויס גיגאנגען איין אנדער גיזאנג שטימע. פון אלע צו זאמען איז ארויס גיגאנגען מיט איין מאהל הונדערט ערליי גיזאנג שטימען. אין אברייתא האבען מיר געלערנט דיא ווידלע איז געווען ברייט אאייל. אונ הויך אאייל. אונ דיא האנט אין וואס דיא ווידלע איז געזעסן איז געווען אויסער דעם אייל. אונ צעהן לעכער איז אין איר געווען. אונ פון יעדער לאך איז ארויס גיגאנגען הונדערט ערליי גיזאנג שטימען פון אלע צו זאמען איז ארויס גיגאנגען מיט איין מאהל טויזענד ערלייא גיזאנג שטימען. רב נחמן בר יצחק זאגט אסימן מען זאל גידיינקען ווער עס זאגט הונדערט שטימען אונ ווער עס זאגט טויזענד שטימען. דיא ברייתא זאגט איבריג פיל. זאגט דיא ברייתא טויזענד שטימען. אונ שמואל זאגט הונדערט שטימען :

ו אמר. רב יהודה האט גיזאגט פון שמואלס וועגין וואו שטייט אין דער תורה אז מען דארף זינגען אין בית המקדש. ווארום עס שטייט אין פסוק ער זאל בעדינען מיט דעם נאמען

פון

מרכתיב (שם) לשרתו ולברך בשמו מכלל דברכה כהנים לאו שירות הוא רב מתנה אמר מהכא (שם כח) תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלהיך בשמחה ובטוב לבב איזו היא עבודה שבשמחה וטוב לבב הוי אומר זו שירה ואימא ד"ת דכתיב (תהלים יט) פקודי ה׳ ישרים משמחי לב משמחי לב איקרי טוב לא איקרי ואימא בכורים דכתיב (דברים כו) ושמחת בכל הטוב טוב איקרי טוב לבב לא איקרי:

ז **חזקיה** אמר מהכא (ד"ה א טו) וכנניהו שר הלוים במשא יסור במשא כי מבין הוא אל תקרי יסור אלא ישיר. בלווטי א"ר יוחנן מהכא (במדבר ד) לעבוד עבודת עבודה איזוהי עבודה שצריכה עבודה הוי אומר זו שירה רבי יצחק אומר מהכא (תהלים פא) שאו זמרה ותנו תף כנור נעים עם נבל ר"נ בר יצחק אמר מהכא (ישעיה כד) המה ישאו קולם ירונו בגאון ה׳ צהלו מים ותנא מייתי לה מהכא (במדבר ז) ולבני קהת לא נתן כי

פירוש

אין אדם בר שירה אלא מתוך שמחה וטוב לבב דכתיב הנה עבדי ירונו מטוב לב: ואימא בכורים. וה"ק תחת אשר לא הבאת בכורים: חזקיה. אמר מהכא אשכחן שירה לוים מן התורה יסור במשא נשיאות קול בשיר: בלווטי. שם מקום: שירה. צריך עבודת קרבן שאינו נאמר אלא על היין של נסכי קרבן כדכתיב ותקעתם בחצוצרות על עולותיכם: צהלו מים. יצהלו בשיר כ"כ יותר מצהלת ים סוף: מייתי לה מהכא.

---

פון גאט. וועלכע בעדינונג איז דאס מיט דעם נאמען פון גאט. דאס מיינט מען דעם גיזאנג. זיען מען זינגט דער מאנט מען דאך דעם נאמען פון גאט: פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען דאס דוכנען. דער מאנט מען דאך אויך דעם נאמען פון גאט. ענטפערט די גמרא ווייל עס שטייט אין פסוק צו בעדינען איהם אונ צו בענטשין מיט זיין נאמען: זעהן מיר אז בעדינען איז אבאזונדער זאך אונ בענטשין מיט זיין נאמען ודאס איז דוכנען) איז אבאזונדער זאך. אונ דאס דוכנען הייסט ניט אבעדינונג. אונ אז אין דעם פריערדיגען פסוק שטייט צו בעדינען מיט דעם נאמען פון גאט מיינט מען ניט דוכנען נאר זינגען. רב מתנה זאגט פון דעם פסוק ווייל דוא האסט ניט געדינט גאט מיט פריילכקייט אונ מיט אגוט הארץ. וועלכע דינונג איז דם מיט פריילכקייט אונ מיט אגוט הארץ. דאס איז דער גיזאנג. צו זינגען פאר גאט: ווארום אמענטש קען אנדערש ניט זינגען סיידן ער איז פרייליך אונ דיא הארץ זיינע איז גוט: פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט דער פסוק ווייל דוא האסט ניט גילערנט תורה. ווארום ביי תורה שטייט אויך אין פסוק דיא מצות פון גאט זענען גלייך אונ זייא דער פרייען דאס הארץ. ענטפערט דיא גמרא דיא תורה ווערט נאר גירופען זיא דער פרייט דאס הארץ ודיא חכמה פון דר תורה מאכט דעם מענטש פריילאך דאס הארץ) . אבער זיא ווערט ניט גירופען גוט ווייל דער מענטש ווערט דורך איהר גישטראפט אז ער איז זיא ניט מקיים) . פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט דער פסוק ווייל דוא האסט ניט גיבריינגט בכורים. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט דיך פרייען מיט דאס גאנצע גוטס. ענטפערט דיא גמרא דיא בכורים ווערין גירופען גוטס. ווייל דעם מענטשינס לעבין הייגט נאר אין עסין אונ טרינקען. אבער עס ווערט ניט גירופען אגוט הארץ. ווארום עס קען זיין ער זעהט ביי זיין חבר מער הבואה אונ פירות איז ער איהם מקנא. אונ דיא הארץ זיינע איז ניט גוט אויף איהם:

ז חזקיה זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר אז מען דארף זינגען פאר גאט. כנניהו דער שר פון דיא לוים במשא יסור במשא כי מבין הוא. זאלסט ניט לייענען יסור. נאר ישיר. ער פלעגט זינגען. ווייל ער האט פאר שטאנען צוא זינגען. בלווטי האט גזאגט פון רבי יוחנן ווען פון דעם פסוק ווייסען מיר אז מען דארף זינגען דער פסוק זאגט לעבוד עבודת עבודה. מען זאל טאהן אעבודה צו אעבודה. וועלכע עבודה איז דאס וואס מען דארף צו איר נאך אעבודה. דאס מיינט מען דאס זינגען. דאס זענען צוויי עבודות מיט איין מאהל. ווארום דאס זינגען איז נאר ווען מען גיסט דיא ווין אויף דעם מזבח צוא דעם קרבן וואס מען איז מקריב. רבי יצחק זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר אז מען דארף זינגען פאר גאט. דוד המלך האט

גיזאגט

כי עבודת הקדש עלהם בכתף ישאו כמשמע שנאמר בכתף איני יודע שישאו מה ת"ל ישאו אין ישאו אלא לשון שירה וכן הוא אומר (תהלים פא) שאו זמרה ותנו תף ואומר ישאו קולם ירונו וגו' חנניא בן אחי ר' יהושע אומר מהכא (שמות יט) משה ידבר והאלהים יעננו בקול (ע"ב) על עסקי קול רב אשי אמר מהכא (דה"ב ה) ויהי כאחד למחצרים ולמשוררים להשמיע קול אחד ר' יונתן אמר מהכא (במדבר יח) לא ימותו גם הם גם אתם מה אתם בעבודת מזבח אף הם בעבודת מזבח. תניא נמי הכי לא ימותו גם הם גם אתם אתם בשלהם והם בשלכם במיתה הם בשלהם אינן במיתה אלא באזהרה:

לעיקר שירה מן התורה: על עסקי קול. שירים מזוהו למשורר לפי שמתחלה לוי היה: אף הם. הלוים בעבודת מזבח ולא משכחת לוים כהנים לעבודת מזבח אלא בשיר: מה אתם. אכהנים קאי קרא: אתם בשלהם. הכהנים שנכנסו בעבודת לוים כגון שסררו: והם בשלכם. לוי שעבד על המזבח כהן: הם בשלהם. כגון לוי משורר שהגיף דלתות ולוי שוער שאמר שיר שהרי הלוים חלוקין היו זה למשורר וזה לשוער:

עולת נדבת צבור. כגון קיץ המזבח שבאה מן השופרות כשנותרין בכן מעות מותר חטאת ומותר אשם: עולותיכם. ותקעתם בחצוצרות על

**ה** בעי ר' אבין עולת נדבת ציבור טעונה שירה או אינה טעונה שירה עולותיכם אמר רחמנא אחת עולת חובה ואחת עולת נדבה או דילמא עולותיכם דכולהו

---

זאגט הייבט אויף אייער שטימע מיט געזאנג און גיט דעם פויק מיט דעם פידול וואס שפילט זיס מיט דעם הארף. רב נחמן בר יצחק זאגט פון דעם פסוק זייא וועלין אויף הייבען זייער שטימע זייא וועלען זינגען מיט דיא גרויסקייט פון גאט זייא ווערען זיך פרייען מיט געזאנג נאך מער וויא זייא האבען געזונגען ביי דעם ים. דער תנא לערונט אפ פון דעם פסוק צו דיא קינדער פון קרח האט משה ניט גיגעבין קיין וועגין וייל זייא האבען גיבאט אויף זיך דיא היילינע ארבעט אויף דעם האקסיל האבען זייא גיטראגען. אין דאך דיא קשיא אז עס שטייט אין פסוק אויף דעם האקסיל וויים איך דאך אז זייא האבען גיטראגען. צו וואס שטייט אין פסוק דער ווארט ישאו. זייא האבען גיטראגען. נאר ישאו מיינט מען ניט גיטראגען. נאר מען מיינט זייא האבען אויף גיהויבען דיא שטימע צו זינגען. און אזוי שטייט אין פסוק שאו זמרה. הייבט אויף אייער שטימע מיט געזאנג און גיט דעם פויק. נאך זאגט דער פסוק ישאו קולם ירונו. זייא וועלין אויף הייבען זייער שטימע און וועלין זינגען: חנניא דער זוהן פון רבי יהושעס ברודער זאגט פון דעם פסוק משה ידבר והאלהים יעננו בקול. משה זאל רייען און גאט וועט איהם ענטפערין פון וועגין דיא שטימע פון זיין זינגען. ער זאל זינגען פר גאט. רב אשי זאגט פון דעם פסוק און עס איז גיוועזן אזוי וויא איינס די וואס האבען גיטרומייטערט און האבען גיזונגען האבען גימאכט הערין איין שטימע מיט איין מאהל. רבי יונתן זאגט פון דעם פסוק עס זאלין ניט שטארבען ניט זייא (ניט דיא לוים) און ניט איר (ניט די כהנים). האט מען גענליכען דיא לוים צו דיא כהנים. אזוי וויא דיא כהנים ארבעטין דאך ביי דעם מזבח. אזוי דיא לוים ארבעטין אויך ביי דעם מזבח. וואס ארבעטין דיא לוים ביי דעם מזבח. וואס זייא זינגען. מיר האבען אויך אזוי געלערונט זייא זאלען ניט שטארבען ניט זייא (ניט דיא לוים) און ניט איר (ניט דיא כהנים). אז דיא כהנים האבען גיטאהן דיא ארבעט פון די לוים. זייא האבען געזונגען. און דיא לוים האבען גיטאהן דיא ארבעט פון דיא כהנים. זיי האבען מקריב גיוועזן קרבנות. קומט מיתה. דיא לוים זענען גיוועזן צו טיילט אין צווייא טייל. העלפט זענען גיוועזן צום זינגען. און העלפט זענען גיוועזן צו עפענען דיא טויערין און צו פר מאכען. אויב דער לוי וואס האט גידארפט זינגען איז גיגאנגען צו די טויערין עפענען און צו מאכען. און דער לוי פון דיא טויערין איז גיגאנגען זינגען. מיתה קומט ניט פר דעם. נאר זיי זענען פר באטען זייא זאלין אזוי ניט טאהן:

**ח** בעי רבי אבין האט גיפרעגט אז מען איז מקריב אויף דעם מזבח אעולה וואס דער צבור האט גיגעבין אנדבה. דארף מען זינגען בייא דעם מקריב זיין אדער ניין. עס שטייט אין דער

דכולהו ישראל קאמר רחמנא וכו' ת"ש ר' יוסי אומר מגלגלין זכות ליום זכאי וחובה ליום חייב אמרו כשחרב בית ראשון אותו היום ט' באב היה ומוצאי שבת היה ומוצאי שביעית היה ומשמרתו של יהויריב היתה והיו לוים עומדים על דוכנם ואומרים שירה ומה שירה היו אומרים (תהלים צד) וישב עליהם את אונם וברעתם יצמיתם ולא הספיקו לומר יצמיתם ה' אלהינו עד שבאו אויבים וכבשום וכן בשניה האי שירה מאי עבידתיה אילימא דעולת חובה מי הואי בי"ז בתמוז בטל התמיד אלא לאו בעולת נדבה ותסברא מ"ש דעולת חובה דלא הואי ומאי שנא דעולת נדבה דהואי הא ל"ק בן בקר אקראי בעלמא הוא דאיתרמי להו אמר רבא ואיתימא רב אשי והסברא שירה דיומיה (שם כד) לה' הארץ ומלואה

שלוחיכם והיינו שירה: זכות ליום זכאי. כשהן גלגלו ומגלגלין עתידין לגאול: מוצאי שבת. א' בשבת: ומוצאי שביעית היתה. שנה שמינית: וכן בשניה. בבית שני והיינו חובה ע"י הייב דבני פעמים הרב בהוהו יום וכ' פעמים שבכים כשהיו קורין אותו מזמור: עולת חובה. דאמר היינו תמיד מפורש במס' תענית דמי"ז בתמוז בטל התמיד שלא היו להם כבשים מחמת שהיו צרים על ירושלים ואין יוצא ואין בא: ומאי שנא עולת נדבה דקאי. אלא לא היו כבשים מצוים: הא לא קאי בן בקר בעלמא איתרמו להו. שאינו ראוי לתמיד וראוי לעולת נדבה: והסברא. דעולת נדבה הואי מ"ט וכו' דכי היכי דבטיל עולת חובה בטיל עולת נדבה: אקראי בעלמא דאתרמי להו. להיות עולת נדבה שנזדמן להם בן בקר אחד ועבו ממנו עולת נדבה (ב"ח עולת נדבה לומר שירה): והסברא. דהא שירה נאמר על קרבן כלל: דיומיה תלי מילתא לפי' סתרן. כדאמרינן ביום הא' היו

הורה איר זאלט בלאזין מיט טרומייטערם ווען איר וועט מקריב זיין אייערע עולות. מיינט מען צווי ערליי עולות: דיא עולה וואס מען מוז מקריב זיין אונ דיא עולה וואס מען איז מקריב אנדבה: וועלכע עולה מען איז מקריב מוז מען טרומייטעדין אונ זאגין שירה. אדער אזוי מיינט דער פסוק ווען מען איז מקריב אעולה פאר אלע יודיום ווען זאלט איר זאגען שירה אונ טרומייטערין. אבער וועלכע עולה. דיא וואס מען מוז מקריב זיין. אבער דיא עולה וואס מען איז מקריב אנדבה. דארף מען אויף איר ניט זאגען שירה. ענפערט די גמרא מיר האבען גילערונט רבי יוסי זאגט אלע גוטס קומען אין דעם גוטען טאג. אונ אלע שלעכטס קומען אין דעם שלעכטין טאג: מען האט גזאגט ווען דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געווארין דער טאג איז געווען דער ניינטער טאג אין אב. אונ עס איז געווען שבת צו נאכט. אונ עס איז געווען דער ערשטער יאהר נאך שמטה. אונ עס איז געווען דער משמר פון יהויריב. אונ דיא לוים זענען געשטאנען אויף זייער בעט אונ האבען גזאגט שירה. וואס איז געווען דיא שירה וואס זיא האבען גזאגט. וישב עליהם את אונם וברעתם יצמיתם. אונ איידער זייא האבען גזאגט יצמיתם ה' אלהינו גאט זאל זייא פאר ענידען זענען אריין געקומען דיא גוים אין בית המקדש אונ האבען גיפאנגען דיא לוים. אונ בייא דעם אנדערין בית המקדש איז אויך אזוי געווען ווער איז אויך חרוב געווארין דיין טעג אין אב. אונ זונטאג. אונ דיא לוים האבען אויך געזאגען דעם זעלביגען פסוק. פרעגט דיא גמרא צוא וואס האבען דיא לוים גזאגט שירה. איך זאל זאגען ווייל מען האט מקריב געווען אזוי אקרבן עולה וואס מען מוז זיא מקריב זיין. למשל דעם קרבן תמיד. מען האט דאך שוין ניט מקריב געווען דעם תמיד. פון דרייא וואכען פריער. ווארום זיבעצין טעג אין תמוז איז שוין גישטערט געווארען דער קרבן תמיד. געווים איז געווען דער קרבן אנדבה. זעהן מיר דאך אז צוא אקרבן נדבה זאגט מען שירה. פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט מען ניט מקריב געווען דעם קרבן תמיד. ווייל עס איז ניט געווען קיין שעפסין. זיא אזוי איז געווען שעפסין צוא אקרבן נדבה. ענפערט דיא גמרא דאס איז קיין קשיא ניט מען האט גיפונען אזאקס אדער אקאלב. פאר אתמיד האט מען אים ניט געקענט מקריב זיין ווארום אתמיד מוז דאך זיין אשעפסו אונ פאר אקרבן נדבה האט מען איהם יא גיקענט מקריב זיין. זעהן מיר אז בייא אעולה פון אנדבה זאגט מען אויך שירה. האט רבא גזאגט אנדערע זאגען רב אשי האט גזאגט וויא אזוי קענסטו זאגען אז דיא שירה איז געווען וועגין אקרבן. דיא שירה פון דעם טאג האט גידארפט זיין דער קפיטל לה' הארץ ומלואה ווארום עס איז געווען זונטאג. דעם קפיטל פון דעם פסוק וישב עליהם את אונם דאס זאגט מען נאר מיטוואך. נאר זיי האבען

גיזונגען

ומלואה וישב עליהם את אונם בשירה דד' בשבת הוא אלא איליא בעלמא הוא דנפל להו בפומייהו :

(דף יג ע"ב) **ט תניא** רבי יהודה אומר כנור של מקדש של שבעה נימין היה שנא' (תהלים טז) שובע שמחות את פניך אל תקרי שובע אלא שבע. ושל ימות המשיח שמונה שנאמר (שם יב) למנצח על השמינית על נימא שמינית. של עה"ב עשר שנאמר (שם לג) עלי עשור ועלי נבל עלי הגיון בכנור תאמר (שם לג) הודו לה' בכנור בנבל עשור זמרו לו שירו לו שיר חדש :

## יש בערכין פרק שלישי

(דף טו) **א משנה** נמצא אומר בפיו חמור מן העושה מעשה וכן מצינו שלא נחתם גזר דין על אבותינו במדבר אלא על לה"ר שנא' (במדבר יד) וינסו אותי זה עשר פעמים גו'.

**ב פיסקא** שלא נחתם וכו' ממאי דילמא משום דאכתי לא מלאה סאתם דאמר רב המנונא אין

המזמרים לה' הארץ ואינו וישב עליהם את אונם שירה דד' בשבת אינו מזמור שאומרים ביום ה' אלא נקמות הופיע כתיב ביה מאי קרא : הויא . קינה בנבל עשור . של י' נימין ולעוה"ב מבתשע מדכתיב עלי הגב לבן זכר דבריה בעוה"ז לבן נקבה כדאמרינן במכילתין כשם שנקבה זו יולדת כך תשועות הללו בזמן לילד נרות אבל ביו כל עוה"ב לבן זכר שאינו יולד :

(משנה הליאור בפיו וכו' פי' כן יוא המוציא המכה שהמכה שהלוכה והמפתה לעוכה מוקן נ' שקלים קנס בין אנם גדולה שבכהונה בין קטנה שבישראל והמוציא שם רע לשלם מאין ק' שקלים ועל זה כיוס נמלא האומר בפיו שהמוציא שם רע חמור מהלוכם ומפתה שלוש מיקן אלא נ' : וכן מצינו : כלומר וכן מצינו שהאומר בפיו חמור מעושה מעשה) : שלא נחתם . מפרש בגמרא : גזר דין : שלא ליכנס לארץ : זה עשר פעמים . גבי מרגלים כתיב דמשמע על זה נחתם :

(דילמא. להכי לא נחתם גזר דין שלא יכנסו לארץ

---

געזונגען טרויעריגע לידער ווייל דיא גוים האבען בעלאגערט ירושלים : איז זייא צריך געפאלען אין מויל דער פסוק וישב עליהם את אונם. האבען זייא איהם געזונגען . דער ווייל זענען אין געקומען די גוים אין בית המקדש :

**ט** תניא. מיר האבען געלערנט רבי יהודה זאגט דער כינור וואס איז געווען אין בית המקדש האט ער געהאט זיבען סטרונעס . ווארום עס שטייט אין פסוק שובע שמחות את פניך . זאלסט ניט לייענען שובע . נאר זאלסט לייענען שבע זיבען . אונ דער כינור וואס מען וועט אויף איהם שפילען ווען משיח וועט קומען וועט ער האבען אכט סטרונעס . ווארום עס שטייט אין פסוק למנצח על השמינית . על נימא שמינית . מען וועט שפילען אויף אכטע סטרונע . דער כינור וואס מען וועט אויף איהם שפילען צוא עולם הבא וועט ער האבען צעהן סטרונעס . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עלי עשור ועלי נבל עלי הגיון בכנור . זעהן מיר אז דער כנור ידער כינור וועט האבען צעהן סטרונעס . נאך שטייט אפסוק הודו לה' בכנור בנבל עשור זמרו לו. לויבט צוא גאט מיט א כנור מיט א נבל (א כינור) פון צעהן סטרונעס זאלט איר שפילען פר גאט . זינגט פר אים א נייעם געזאנג :

## פרק שלישי

**א** משנה. נמצא . ווערט געפונען אז זאגען מיט דעם מויל וואס מען טאר ניט איז ערגער וויא מען טוהט אעבירה ווארום אז איינער נייט א מיידיל אונ איז מזנה מיט איר . דארף ער נאר געבין פופציג טאלער קנס . אונ אז א מאן זאגט אויף זיין ווייב אז ער האט ניט געפונען ביי איר בתולים . דארף ער געבין הונדערט טאלער קנס . אונ אזוי געפינען מיר עס איז ניט געחתמת געווארין דער גזר דין אויף אונזערע עלטערין זייא זאלען שטארבען אין דער מדבר . נאר ווייל זייא האבען גירעט לשון הרע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיי האבען מיך גיפרובט צעהן מאהל . אונ עס איז ניט געחתמת געווארין זייא זאלן שטארבן . ווי זיי האבן נאר גירעדט לשון הרע איז געחתמת געווארען זיי זאלען שטארבען . זעהן מיר אז ריידען וואס מען טאר ניט איז ערגער ווי צו טאהן אעבירה :

**ב** פיסקא. שלא . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז ריידען וואס מען טאר ניט

אין הקב"ה נפרע מן האדם עד שתתמלא סאתו שנאמר (איוב כ) במלאת שפקו יצר לו אר"ל א"ק (במדבר יד) וינסו אותי זה עשר פעמים ולא שמעו בקולי על זה נתחתם עליהם גזר דין. תניא א"ר אלעזר בן פרטא בוא וראה כמה גדול כחו של לה"ר ממרגלים ומה מרגלים שהוציאו שם רע על עצים ואבנים כך מוציא שם רע על חבירו עאכ"ו ממאי דילמא משום דר' חנינא בר פפא דא"ר חנינא בר פפא דבר גדול דברו מרגלים באותה שעת דכתיב (שם יג) כי חזק הוא ממנו אל תקרי כי חזק הוא ממנו אלא ממנו כביכול אפילו בעל הבית אין יכול להוציא כליו משם אלא אמר רבה אמר ר"ל אמר קרא (שם יד) וימותו האנשים מוציאי דבת הארץ רעה במגפה לפני ה' על דבת הארץ שהוציאו:

דלכתי לא נתמלא סאתם (קבל פורענותא): כמלאת שפקו. כשתתמלא סאתו בעונות כדכה לא יצר לו לכה הבא לו: זה עשר פעמים. זה משמע על זה שההם עליהם ולאו מבום לירוף דלחריני: (על עצים ואבנים. כלומר על א"י שאמרו אוכלת יושביה היא: ממאי. דעל דבת הארץ נענשו מרגלים דילמא משום דר' חנינא וכו' כלומר אל תהי אומר שלא אמרו דבר זה אלא כנגד עצמן אלא כלפי מעלה אמרוהו דהך ממנו משמע הכי ומשמע הכי): בעל הבית. כקב"ה: על דבת הארץ שהוציאו. קאמר דמתו (שאמרו ארץ אוכלת. ולפי מ"ב בסוטה שאמרו וזה פריה שאין מגדלה דברים פיס כבן חיי נפש הוא דבה ממש: ע"פ מהרב"ה): (נסיונות. לשון נסיון והיא המפרש לשון כעס כמו

ו תניא א"ר יהודה עשר נסיונות נסו אבותינו את המקום במדבר ואלו הן שנים בים ושנים במים

---

ניט איז ערגער ווי צו טאהן א עבירה. טאמער דריבער איז ניט גיחתמת געווארען אויף אונזערע עלטערין צו שטארבען אין דער מדבר ביז זיי האבען גירעט לשון הרע. ווייל עס איז נאך ניט פול געוועזען די מאס פון זייערע עבירות מען זאל זיי שטראפען ביז זיי האבען גירעט לשון הרע. מיט דעם לשון הרע איז פול געווארען די מאס. אונ אז עס ווארט פול געווארען די מאס מיט אנדערע עבירות ווארט מען זיי אויך געשטראפט. ווארום רב המנונא האט גזאגט גאט שטראפט ניט דעם מענטש ביז די מאס פון עבירות ווערט פול. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק במלאת שפקו יצר לו. אז עס ווערט פול זיין מאס מיט עבירות שיקט גאט אויף איהם צרות. האט ריש לקיש גיענפערט ווייל עס שטייט אין פסוק וינסו אותי זה עשר פעמים ולא שמעו בקולי. זיי האבען מיך גיפרובט צעהן מאהל אונ זיי האבען ניט גיהערט מיין שטימע. איז דער ווארט זה איבעריג. צו ווייזען אז נאר אויף די איצטיגע עבירה אליין וואס זיי האבען גירעט לשון הרע. אפילו יענע עבירות וואלטען נאר ניט גיוועזען. ווערט אויף זיי גיחתמת דער גזר דין. מיר האבען גילערנט רבי אלעזר בן פרטא זאגט פון די מרגלים קענען מיר וויסען ווי גרויס די עבירה פון לשון הרע איז. מאדאך די מרגלים וואס זיי האבען נאר גירעט לשון הרע אויף העלצער אונ אויף שטיינער ווייא האבען גירעט לשון הרע אויף די לאנד כנען אז אין איר שטארבען אירע איינוואוהנערו זענען זיי אזוי גישטראפט געווארען. אז איינער רעט לשון הרע אויף זיין חבר. ווער ווייס ווי גרויס זיין שטראף וועט זיין. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז די מרגלים זענען גישטראפט געווארען ווייל זיי האבען גירעט לשון הרע אויף דעם לאנד. טאמער זענען זיי גישטראפט געווארין אזוי ווי רבי חנינא בר פפא האט גזאגט די מרגלים האבען אין דער צייט גירעט גרויסע רייד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי חזק הוא ממנו. זאלסט ניט לייענען ממנו: נאר זאלסט לייענען ממנו. די מרגלים האבען גזאגט דאס פאלק וואס וואוהנען אין כנען זענען שטארקער פון גאט. אפילו דער בעל הבית (גאט) קען ניט ארויס נעמען זיינע כלים פון כנען. ווייל זיי האבען אזוי גירעט געגין גאט דריבער זענען זיי גישטראפט געווארען. אבער ניט פון וועגין דעם לשון הרע. האט רבה גיענפערט פון ריש לקיש וועגין עס שטייט אין פסוק די מענטשין וואס האבען אויס גיצויגען (גירעט) שלעכטע רייד אויף דעם לאנד זענען גישטארבען דורך א מגפה פאר גאט. זעהן מיר אז זיי זענען גישטארבען פון וועגין די שלעכטע רייד וואס זיי האבען גירעט אויף דעם לאנד:

ג תניא. מיר האבען גילערנט צעהן מאהל האבען אונזערע עלטערין דער צערינט גאט אין

במים ב' במן וב' בשליו אחד בעגל ואחד במדבר פארן . ב' בים אחד בירידה דכתיב (שמות יד) ויאמרו אל משה המבלי אין קברים וגו' בעליה כדרב הונא דאמר רב הונא ישראל שבאותו הדור מקטני אמנה היו כדדרש רבה בר רב מרי מ"ד (תהלים קו) וימרו על ים בים סוף מלמד שהיו ישראל ממרים באותה שעה ואמרו כשם שאנו עולים מצד זה כך מצריים עולים מצד אחר א"ל הקב"ה לשר של ים פלוט אותם ליבשה אמר לפניו רבש"ע כלום יש עבד שנותן לו רבו מתנה וחוזר ונוטלה הימנו א"ל הקב"ה אני נותן לך אחד ומחצה שבהם אמר לפניו רבש"ע כלום יש עבד שתובע את רבו א"ל הקב"ה נחל קישון יהא ערב מיד נפלטו ליבשה דכתיב (שמות יד) וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים . ב' במים במרה וברפידים במרה דכתיב (שם טו) ויבאו מרתה ולא יכלו לשתות מים ממרה וכתיב וילונו העם על משה . ברפידים דכתיב (שם) ויחנו ברפידים ואין מים לשתות העם וכתיב (שם) וירב העם עם משה . שנים במן שנאמר (שם טז) (אל יצא איש

והוו זעפיס כת־גומו נכיסין) : ממרים : מורדים : נותן לו רבו מתנה . פרנסה לדגים : אחד ומחצה . דנפלטה לקישון בם מאות רכב וכסיסרא

---

אין דער מדבר. דאס זענען די צעהן מאהל. צוויי מאהל בייא דעם ים. צוויי מאהל ביי וואסער טרינקען. צוויי מאהל ביי דעם מן. צוויי מאהל בייא דעם שלו. איין מאהל בייא דעם עגל: איין מאהל אין מדבר פארן. צוויי מאהל ביי דעם ים. איין מאהל בייא דעם אראפ גיין אין ים. און איין מאהל ביי דעם ארויף גיין פון ים. בייא דעם אראפ גיין אין ים שטייט אין פסוק דיא יודען האבען געזאגט צו משה ווייל אין מצרים איז ניטא קיין ארט וואו אונז צו בגראבען דריבער האסטו אונז געבריינגט אין דעו מדבר. בייא דעם ארויף גיין פון ים האט רב הונא געזאגט דיא יודען וואס זענען ארויף געגאנגען פון ים זענען געוועזען קליין אין זייער גלויבען. זייא האבען ווייניג געגלויבט אין גאט. אזוי ווי רבה בר רב מרי האט געדרשנט עס שטייט אין פסוק זיי האבען ווידערגעשפעניגט אויף דעם ים ביי דעם ים סוף. דער פסוק לערונט אונז ווען דיא יודען זענען ארויף געגאנגען פון ים זענען זיי געוועזען ווידערשפעניגערס געגען גאט. זיי האבען געזאגט אזוי וויא מיר גייען ארויס לעבעדיג פון ים אין דער זייט. אזוי גייען די מצריים ארויס פון ים לעבעדיג פון איין אנדער זייט: האט גאט געזאגט צום שר פון ים ווארף ארויס די טויטע מצריים אויף דיא טריקענעש. זאלען די יודען זעהן אז די מצריים זענען טויט. האט דער שר פון ים געזאגט פאר גאט רבונו של עולם אז אבעל הבית גיט אמתנה צו זיין קנעכט נעמט ער זיא דער נאך צוריק פון איהם. דוא האסט געגעבען די טויטע מצריים אמתנה פאר מיינע פיש. זיי זאלען האבען וואס צו עסין. איצט ווילסטו דיא מתנה צוריק נעמען. האט גאט געזאגט צום שר איך וועל דיר אפ געבין אנדערטהאלבען מאהל אזוי פיל וויא דוא געבסט מיר. האט דער שר געזאגט פאר גאט רבונו של עולם איז דען דא אקנעכט וואס זאל מאנען ביי זיין בעל הבית אמתנה. האט גאט געזאגט צום שר דער טייך קישון וועט זיין אערב (אגוטשטייער) אז איך וועל דיר בצאהלין ואין ים סוף זענען דער טרונקען געווארען זעקס הונדערט רייטוועגין. און אין טייך קישון זענען דר טרונקען געווארען ניין הונדערט רייט וועגין. זענען באלד אלע טויטע מצרים ארויס געווארפען געווארען פון ים אויף דער טריקענעש. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די יודען האבין געזעהן די מצריים ליגען טויטע אויף דעם ברעג ים. צווייא מאהל האבען דיא יודען דער צערינט גאט ביי דעם וואסער טרינקען. איין מאהל אין מרה און איין מאהל אין רפידים. ביי מרה שטייט אין פסוק זיי זענען געקומען אין מרה און זיי האבען ניט געקענט טרינקען די וואסער פון מרה ווייל זיי זענען געוועזען ביטער. האט דאס פאלק געקריגט אויף משה. בייא רפידים שטייט אין פסוק זיי האבען גערוהט אין רפידים איז ניט געוועזען קיין וואסער דאס פאלק זאל טרינקען. האט דאס פאלק געקריגט מיט משה. צוויי מאהל האבען דיא יודען דער צערינט גאט ביי דעם מן. איין מאהל האט גאט געבאטין זיי זאלען ניט גיין שבת קלויבען מן. און זיי זענען יא געגאנגען.

און

איש ממקומו) [אל תצאו] ויצאו אל תותירו ויותירו. בי בשליו בשליו ראשון ובשליו שני. בשליו ראשון (שמות טז) בשבתנו על סיר הבשר בשליו שני דכתיב (במדבר יא) והאספסף אשר בקרבו התאוו תאוה. עגל כדאיתא ובמדבר פארן כדאיתא:

(ע"ב) ד א"ר יוחנן משום ר' יוסי בן זמרא מ"ד (תהלים קכ) מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה אמר הקב"ה ללשון כל אבריו של אדם זקופין ואתה מוטל כל אבריו של אדם מבחוץ ואתה מבפנים ולא עוד אלא שהקפתי לך שני חומות אחד של עצם ואחד של בשר מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה. וא"ר יוחנן משום ר' יוסי בן זמרא כל המספר לה"ר כאלו כופר בעיקר שנא' (שם יב) אשר אמרו ללשוננו נגביר שפתינו אתנו מי אדון לנו. וא"ר יוחנן משום ר' יוסי בן זמרא כל המספר לה"ר נגעים באים עליו שנא' (שם קא) מלשני בסתר רעהו אותו אצמית

גבה

הכא מחיה: בשליו ראשון. (כשהיו מתלוננים בשנה ראשונה כדכתיב בפרשת ויסעו משה) דכשהיה יורד המן היה שליו יורד עמו כדכתיב ויהי בערב ותעל השליו ובבקר היתה שכבת הטל וגו' ולאחר זמן מרובה התאוו יותר: (בשליו שני. בשנה שניה כדתפ' בפ"ק דמס' תענית): ובמדבר פארן כדאיתא: במעשה מרגלים (כדכתיב ויעלו אותם משה ממדבר פארן):

אחד של עצם שורות של שינים: (ואחד של בשר. בשפתים): מה יתן לך ומה יוסיף. כלומר אי זו שמירה אוסיף לך שלא תספר לה"ר (אתה מבקשת לשון רמיה): מי אדון לנו. (דלהוי כופר בעיקר

אונ גאט האט גיזאגט אז אין מיטען וואך ואר קיינער ניט איבערלאזין מן פון איין טאג אויף דעם אנדערין טאג. אונ זיי האבען יא איבער גילאזין. צוויי מאהל האבען די יודען דער צערינט גאט ביי דעם שלו. איין מאהל ביי דעם ערשטין שלו וואס ער איז גיגאנגען באלד ווי די יודען זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים. אונ איין מאהל ביי דעם אנדערין שלו וואס ער איז גיגאנגען אין דעם אנדערין יאהר ווי די יודען זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים. ביי דעם ערשטין שלו שטייט אין פסוק דיא יודען האבען געקריגט אונ גיזאגט אין מצרים איז אונז בעסער גיוועזען. מיר זענען גיזעסין ביי דעם טאפ פלייש. ביי דעם אנדערין שלו שטייט אין פסוק אונ דער צו מישונג וואס צווישען דיא יודען דער ערב רבו האבען גיגלוסט אגלוסטונג אונ האבען גיזאגט ווער וועט אונז געבין פלייש. אונ אלע יודען האבען גיוויינט זייא ווילען פלייש. ביי דעם עגל האבען זייא דער צערינט גאט אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה כי תשא: אין דער מדבר פארן האבען די מרגלים דער צערינט גאט אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה שלח:

ד אמר. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי יוסי בן זמרא וועגין עס שטייט אין פסוק וואס וועט דיר געבין אונ וואס וועט ... מערין דוא פאלשער צונג. גאט האט גיזאגט צום צונג אלע גלידער פון מענטשין זענען אויף גישטעלט. אונ דו ליגסט. אלע גלידער פון מענטשין זענען אויסוויינינ. אונ דוא ביזט אינוויינינ. אונ נאך מער דוא ביזט פאר שטעלט מיט צוויא מאהערין. איינער פון ביין וואס זענען דיא ציין. אונ איינע פון פלייש וואס זענען די ליפפען. וואס פאר אהיטונג זאל איך דיר נאך געבין. אונ וואס פאר אהיטונג זאל איך דיר נאך מערין דוא פאלשער צונג. אז דוא זאלסט ניט ריידין קיין לשון הרע:

נאך האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי יוסי בן זמרא וועגין דער וואס דער ציילט לשון הרע איז גלייך וויא ער וואלט גילייקענט אין גאט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וואס זייא האבען גיזאגט דורך אונזער צונג וועלין מיר אונז שטארקין אונזערע לעפצין זענען מיט אונז מיר קענען ריידין וואס מיר ווילען ווער איז אהאר איבער אונז קיינער האט ניט צו בעפעלין אויף אונז אפילו גאט אויך ניט:

נאך האט גיזאגט רבי יוחנן פון רבי יוסי בן זמרא וועגין דער וואס דער ציילט לשון הרע קומט אויף איהם קרעץ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מלשני בסתר רעהו דער וואס רעט אין דער שטיל אויף זיין חברו אותו אצמית (אויף איהם וועל איך ברייגגען קרעץ. פון וואנעז ווייסען מיר אז אצמית איז דער טייטש קרעץ. ווארום עס שטייט אין פסוק לצמיתות טייטשט דער תרגום בחלוטין. אונ מיר האבען גילערינט אין בין מצורע מוסגר למצורע מוחלט זאסטורע

מוסגר

גבה עינים ורחב לבב אותו לא אוכל, וכ' התם (ויקרא כ:) לצמיתות ומתרגמינן לחלוטין ותנן אין בין מצורע מוסגר למצורע מוחלט אלא פריעה ופרימה. אמר ריש לקיש מ"ד (שם יד) זאת תהיה תורת המצורע זו היא תורתו של מוציא שם רע. ואמר ריש לקיש מ"ד (קהלת י) אם ישוך הנחש בלא לחש ואין יתרון לבעל הלשון לעתיד לבא מתקבצות כל החיות ובאות אצל הנחש ואומרות לו ארי דורס ואוכל זאב טורף ואוכל. אתה מה הנאה יש לך אומר להן מה יתרון לבעל הלשון. ואמר ר"ל כל המספר לה"ר מגדיל עון ותיו עד לשמים שנא' (תהלים עג) שתו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ. א"ר חסדא אמר מר עוקבא כל המספר לה"ר ראוי לסקלו באבן כתיב הכא (שם קא) אותו אצמית וכתיב

והאומר כן (ג"ה) כאומרים ללשוננו נגביר כאלו אומרי' אין אדון לנו: אותו לא אוכל. בהאי קרא לעיל כתיב מלשני בסתר רעהו: על גב זוה. והא דרש הכא דבהאי קרא דאותו לא אוכל כתיב נמי גבה עינים: (לחלוטין) והלוטין ל' נרעה כדתנן אין בין מצורע וכו': ארי דורס ואוכל. כלומר כל המזיק לבריות מגיע להם הנאה דהרי דורס ואוכל שאוכלה מחיים ואם זאב טורף בהורגה תחלה ואח"כ אוכלה יש לו הנאה אבל אתה מה הנאה יש לך כשאתה נושך את האדם מטיב הנאתם ומה יתרון לבעל הלשון למוציא לה"ר מה הנאה יש לו כך אני אין לי הנאה בנשיכה שאני נושך: והיכא דמתני לן על גסי הרוח בפ"ק דמסכת סוטה דקתני התם כל מי שדעתו גבוהה עליו אומר הקב"ה אין אני והוא יכולין לדור בעולם שנא' גבה עינים ורחב לבב אותו לא אוכל ומשום דהתם איירי בגסי הרוח מוקים ליה התם לקרא בגסי הרוח וקתני נמי היכא דמתני להא אמספרי לה"ר והכא דאיירי במספרי לה"ר אמר היכא דמתני

---

מוסגר. אקרעציגער וואס מען דארף איהם פאר שליסען אויף זיבען טעג. אונ אמצורע מוחלט אקרעציגער וואס ער איז טמא ביז ער וועט געזונד ווערין. צווישען די ביידע איז נאר אאונטערשייד צווישען לאזען וואקסען די האר אונ רייסען די קליידער. דער קרעציגער וואס ווערט פאר שלאסין. דארף ניט לאזען וואקסין די האר אונ דארף ניט רייסען די קליידער. אונ דער קרעציגער וואס איז טמא ביז ער וועט געהיילט ווערין דארף לאזען וואקסען די האר אונ דארף רייסען די קליידער. זעהן מיר דאך אז אקרעציגער ווערט גירופען מוחלט. דאס איז טייטש לצמיתות. אונ לצמיתות איז דער זעלביגער ווארט וויא אצמית. איז דאך אצמית דער טייטש איך וועל איהם קרעציג מאכען. ריש לקיש האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק דאס זאל זיין די לערנונג פון אמצורע. דער ווארט מצורע איז דרייא ווערטער מוציא שם רע. דאס זאל זיין די לערנונג פון דעם מענטשין וואס האט אוים גיצויגין אשלעכטין נאמען אויף זיין חבר. ער זאל ווערין קרעציג אונ מיט איהם זאל גיטאהן ווערין דער דין וואס שטייט אין דער סדרה:

נאך האט ריש לקיש גיזאגט עס שטייט אין פסוק וועט דען בייסין דער שלאנג אויב מען האט ניט גירעט צו איהם פון הימעל ער זאל בייסין. זעהן מיר אז אפילו דער שלאנג בייסט ניט דעם מענטשין סיידין מען האט איהם גיהייסען ער זאל גיין בייסין. איז דאך ניט דא קיין איבעריגקייט צום מענטשין וואס ער רעט מיט זיין צונג אונ בייסט זיין חבר. ווער הט דאס איהם גיהייסען. אונ אז משיח וועט קומען וועלין זיך פאר זאמלען אלע חיות אונ וועלין קומען צום שלאנג אונ וועלין זאגין צו איהם דער לייב טרעט מיט זיינע פיס אויף די זאך וואס ער האט גיפאנגען זיא זאל ניט אנטלויפען אונ עסט זיא לעבעדיג. דער וואלף הרגת פריער אונ דר נאך עסט ער זיא. אבער אלע עסין אונ האבען הנאה. אבער דו שלאנג אז דו בייסט אמענטשין וואס פאר הנאה האסטו. זאגט דער שלאנג צו זיי וואס פאר איבעריגט וואס פאר הנאה האט דער וואס רעט לשון הרע:

נאך האט ריש לקיש גיזאגט דער וואס רעט לשון הרע מאכט ער גרויס זיינע עבירות ביז צום הימעל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שתו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ. אז זייער צונג גייט ארום צו ריידען פון דיא מענטשין וואס זענען אויף דער ערד. איז גלייך וויא זיי וואלטען גיטאהן זייער מויל צו ריידען אויף גאט וואס ער איז אין הימעל:

רב חסדא האט גיזאגט פון מר עוקבאם וועגין דער וואס דער ציילט לשון הרע איז ער ווערט מען זאל איהם בעווארפין מיט שטיינער ביז מען וועט איהם הרגנן. ווארום דא ביי לשון הרע שטייט אותו אצמית. איהם וועל איך פאר שניידין. אונ דארט שטייט צמתו בבור חי

גם לגסי הרוח) : וסלף בה . מי שמסלף בה והפך
עמנו ישבור רוחו: שכבר כבתו דוד , שקלנו
דוד כנגם :

וכתיב התם (איכה ג) צמתו בבור חיי וידו אבן בי ,
ואמר רב חסדא אמר מר עוקבא כל המספר להר אמר
הקב"ה אין אני והוא יכולין לדור בעולם שנא' אותו לא
אוכל אל תקרי אותו אלא אתו ואיכא דמתני לה על גסי הרוח . אמר רב חסדא אמר מר
עוקבא כל המספר להר א"ל הקב"ה לשר של גיהנם אני עליו מלמעלה ואתה עליו מלמטה
גדוננו שנא' (תהלים קכ) חצי גבור שנונים עם גחלי רתמים ואין חץ אלא לשון הרע שנאמר
(ירמיה ט) חץ שחוט לשונם וגו' ואין גבור אלא הקב"ה שנאמר (ישעיה מב) ה' כגבור יצא
גחלי רתמים היינו גיהנם . א"ר חמא בר חנינא מאי תקנתם של מספרי להר אם ת"ח
הוא יעסוק בתורה שנאמר (משלי טו) מרפא לשון עץ חיים ואין לשון אלא להר שנאמר
חץ שחוט לשונם ואין עץ חיים אלא תורה שנא' (שם ג) עץ חיים היא למחזיקים בה
ואם עם הארץ הוא ישפיל דעתו שנאמר (שם טו) וסלף בה שבר ברוח רבי אחא ברבי
חנינא

---

וידו אבן בי : זייא האבען פאר שניטען אין גרוב מיין לעבין אונ זיי האבען געווארפען אשטיין
אויף מיר . אזוי וויא דארטען מיינט מען פאר שניידען דורך שטיינער . אזוי דא ביי לשון הרע
מיינט מען אויך איך וועל איהם פאר שניידין דורך שטיינער :

נאך האט געזאגט רב חסדא פון מר עוקבאס וועגין דער וואס רעט לשון הרע זאגט גאט
איך מיט איהם צו זאמען קענען מיר ניט וואוהנען אויף דער וועלט : אזוי וויא עס שטייט אין
פסוק אותו לא אוכל . זאלסט ניט לייענען אותו . נאר זאלסט לייענען אתו . מיט איהם קען איך
ניט וואוהנען . אנדערע זאגין אז רב חסדא האט דאס געזאגט אויף דעם מענטש וואס ער איז
גרויס ביי זיך . האט גאט געזאגט איך מיט דעם מענטש קענען ניט וואוהנען אויף דר וועלט צו זאמען
רב חסדא האט געזאגט פון מר עוקבאס וועגין דער וואס דער ציילט לשון הרע האט גאט
געזאגט צום שר פון גיהנם איך וועל איהם שטראפען פון אויבין : פון הימעל אונ דוא ועסט
איהם שטראפען פון אונטען אין גיהנם . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חצי גבור שנונים עם
גחלי רתמים : חצי (פיילין) מיינט מען לשון הרע . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק חץ שחוט לשונם .
זייער צונג איז ווי אפייל וואס ער שיסט . ווארום אז מען רעט לשון הרע אויף אמענטשין
הרגט מען איהם אזוי ווי מען הרגת מיט אפייל נאזוי ווי איינער שטייט דא אונ ווארפט אפייל
אונ די פייל גייט ווייט אונ טרעפט אמענטשין אונ הרגת איהם . אזוי זיצט דער מענטש אויך
אין שטוב אונ רעט לשון הרע אויף זיין חבר . אונ די ווערטער הרגנן דעם חברו . גבור (דער
שטארקער) דאס מיינט מען גאט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יי כגבור יצא . גאט וועט ארויס
גיין אזוי וויא אשטארקער : גחלי רתמים מיינט מען דעם גיהנם . ווייל אין דעם גיהנם ברענט
אפייער אזוי וויא ברענענדיגע קוילין פון רותם הארץ . וואס דער פייער פון דיא קוילין ברענט
לאנג : זעהן מיר אז גאט מיט דעם גיהנם וועלין משפטין דעם מענטש וואס רעט לשון הרע .
רבי חמא בר חנינא האט געזאגט די וואס האבען גירעט לשון הרע וואס זאלען זיי טאהן גאט
זאל זיי מוחל זיין די עבירה : אויב ער איז א תלמיד חכם זאל ער לערנען תורה . אזוי וויא עס
שטייט אין פסוק מרפא לשון עץ חיים דאס היילונג פון דעם צונג איז דער בוים פון לעבין .
דעם צונג מיינט מען דער צונג וואס האט גירעט לשון הרע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק
זייער צונג איז ווי אפייל וואס שיסט . מיט לשון הרע שיסט מען אמענטשין . אזוי ווי מיט אפייל
דער בוים פון לעבין מיינט מען די תורה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זיא איז אבוים פון לעבין
צו דיא וואס האלטען איהר . אונ אויב ער איז אעם הארץ וואס ער קען ניט לערנען . זאל ער
זיין זייער גידעריג ביי זיך . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב עס איז דא איין פארקרימונג
אין דעם צונג ווער האט גירעט מיט דעם צונג לשון הרע : זאל ער צוא ברעכין זיין
גרויסקייט . אונ זאל ביי זיך נידעריג ווערין . רבי אחא ברבי חנינא זאגט אז איינער האט גירעט
לשון

חנינא אמר סיפר אין לו תקנה שכבר כרתו דוד ברוח הקדש שנא' (תהלים יב) יכרת ה' כל שפתי חלקות לשון מדברת גדולות אלא מה תקנתו שלא יבא לידי לה"ר אם ת"ח הוא יעסוק בהורה ואם ע"ה הוא ישפיל דעתו שנא' וסלף בה שבר ברוח:

התנא דבי ר' ישמעאל כל המספר לה"ר מגדיל עונות כנגד ג' עבירות עבודה זרה וגילוי עריות ושפיכות דמים כתיב הכא (תהלים יב) לשון מדברת גדולות וכתיב בע"ז (שמות לב) אנא חטא העם הזה חטאה גדולה בגילוי עריות כתיב (בראשית לט) ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאלהים בשפיכות דמים כתיב (שם ד) גדול עוני מנשוא. גדולות אימא תרתי. הי מינייהו מפקת. במערבא אמרי לשון תליתאי קטיל תלתא הורגת למספרו ולמקבלו ולאומרים עליו. א"ר חמא בר חנינא מ"ד (משלי יח) מות וחיים ביד לשון וכי יש יד

גדולות. תרתי משמע ואימא כנגד ב' עבירות לחוד אין הכי נמי אלא כיון דאשכחן בכולהו גדולה הי מינייהו מפקת הלכך כולהו אתו: לשון תליתאי. כגון שליש ביניהם לבין חבירו שמספר רע בין ב' אנשים: וקטיל תליתאי. שהורג למספרו ולמקבלו ולאומרין עליו שמתוך איבה במתגרין אלו באלו הורגין זה את זה והורגים גואלי הדם את הרכיל ובימי שאול נהרגו ד' מב' עיר הכהנים ושאול ודואג ודוד ודואג. לפי בעל ידו היה רעב בימיו ואיש

---

לשון הרע האט ער שוין ניט קיין היילף. וואהרום דוד האט שוין דעם מענטשין גיפלוכט מיט דעם רוח הקודש אז זיינע יאהרען זאלען אפ געשניטען ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאל פאר שניידען דיא אלע לעפצין וואס ריידען גלאטע רייד. אונ גאט זאל פאר שניידען דעם צונג וואס רעט גרויסע רייד אויף זיין חבר. נאר וואס דען זאל אמענטש טאהן ער זאל נישט קומען צוא ריידען לשון הרע. אויב ער איז אתלמיד חכם זאל ער לערנען תורה. אונ אויב ער איז אעם הארץ זאל ער זיין נידעריג ביא זיך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס האט מורא ער זאל ניט פאר קרימען דעם צונג צוא ריידען לשון הרע. זאל ער צו ברעכין זיין גרויסקייט אונ זאל ביא זיך נידעריג ווערין. וועט ער שוין ניט ריידען קיין לשון הרע:

הָתנא. דבי רבי ישמעאל האבען גילערונט דער וואס דער ציילט לשון הרע ווענען זיינע עבירות גרויס געגין דיא דרייא עבירות. עבודה זרה. אונ גילוי עריות ומזנה זיין) אונ שפיכות דמים ואמענטשין הרגנן). וואהרום דא ביא לשון הרע שטייט לשון מדברת דער צונג וואס רעט גרויסע עבירות ומיינט מען פיל עבירות) אונ ביא עבודה זרה שטייט משה רבינו האט גזאגט פאר גאט אנא חטא העם הזה חטאה גדולה איך בעט דיך דאס פאלק הט געזינדיגט אגרויסע זינד ומיינט מען נאר איין זינד) אונ ביי מזנה זיין שטייט אין פסוק ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאלהים. וויא אזוי וועל איך טאהן דיא גרויסע שלעכטס אונ איך וועל זינדיגען צוא גאט: ומיינט מען אויך נאר איין זינד). אונ ביא אמענטשין הרגנן שטייט אין פסוק גדול עוני מנשוא. מיין זינד איז גרויס פון צוא שיינקען ומיינט מען אויך נאר איין זינד). ווייל ביא יעדער עבירה פון דיא דרייא עבירות שטייט נאר דער ווארט גדול. גרויס. אונ ביא לשון הרע שטייט גדולות. מיינט מען דרייא מאהל גרויס: געגין דיא דריי עבירות. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען נאר צווייא מאהל גרויס. געגין צוויי עבירות. ענפערט דיא גמרא געגין וועלכע צווייא וועסטו זאגען עס איז גלייך. אונ געגין וועלכין איינעם וועסטו זאגען עס איז ניט גלייך. דריבער זאגען מיר אז מען מיינט געגין אלע דרייא עבירות. אין ארץ ישראל זאגט מען לשון הרע הרגה דריי מענטשין. דעם וואס רעט דיא לשון הרע. אונ דעם וואס נעמט צוא דיא לשון הרע. אונ אויף דעם וואס מען זאגט דיא לשון הרע:

רבי חמא בר חנינא האט גזאגט עס שטייט אין פסוק דער טויט אונ דער לעבין איז אין דיא האנט פון צונג. האט דען דער צונג אהאנט. נאר שלמה זאגט אזוי וויא די האנט קען הרגנן אזוי קען דער צונג הרגנן. טאמער וועסטו זאגען אזוי וויא דיא האנט קען אנדערש ניט הרגנן נאר דעם מענטש וואס שטייט נעבין איר. אזוי דער צונג קען אויך אנדערש ניט הרגנן

נאר

יד ללשון אלא לומר ילך מה יד ממיתה אף לשון ממיתה אי מה יד אינה ממיתה אלא בסמוך לה אף לשון אינה ממיתה אלא בסמוך לה ת"ל (ירמיה ט) חץ שחוט לשונם אי מה חץ שחוט עד מ' וג' אמה אף לשון עד מ' וג' אמה ת"ל שתו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ וכי מאחר דכתיב שתו בשמים פיהם חץ שחוט למה לי הא קמ"ל דקטיל כחץ ומאחר דכתיב חץ שחוט לשונם מות וחיים ביד לשון למה לי כדרבא דאמר רבא דבעי חיי בלישניה דבעי מיית בלישניה. היכי דמי לישנא בישא אמר רבה כגון דאמר איכא נורא בי פלניא אמר ליה אביי מאי קא עביד גלויי מלתא בעלמא הוא אלא דמפיק בלשון הרע ואמר היכא משתכחא נורא אלא בי פלניא

דלא מפרשי דוד אלא אבנר בן נר שנהרג על שבאן ההרג שאול נוב עיר הכהנים: אף לשון בסמוך לו. שאם מלשין במעמד בלשון הורג ואם לאו לאו: חץ שחוט. שהורג ברחוק כמו חץ: עד מ' וג' אמה. לאו דוקא קא חשיב: דבעי חיי בלישניה. שיעסוק בתורה דכתיב עץ חיים היא למחזיקים בה: ודבעי מיית בלישניה. שיספר לה"ר כדאמרן דקטיל תליתאי: גלוי מילתא בעלמא הוא. (דאמר איכא נורא להתם דכ"ע ידעי אי קושטא קאמר אי לאו) לשון רש"י הנ"ל ואינו אומרה בלה"ר אלא מגלה לאותו המבקש אור לכי אצל פלוני: אלא בי פלניא דשכיחא בישרא וכוורי. כלומר עשיר הוא ויש לו

---

נאר דעם מענטש וואס שטייט נעבין אים. שטייט אין פסוק חץ שחוט לשונם. זייער צונג שיסט דעם מענטש אזוי וויא צפייל. איך וואלט מיינען אזוי וויא אפייל הרגת נאר דעם מענטש וואס שטייט ווייט פערציג אדער פופציג איילען. אבער ניט ווייטער. ווארום ווייטער קען ניט גיין דיא פייל. אזוי דער צונג קען נאר הרגנן דעם מענטש וואס שטייט ווייט פערציג אדער פופציג איילען. אבער ניט ווייטער. שטייט אין פסוק שתו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ. אפילו זייער צונג גייט אויף דער ערד. פון דעסטוועגין הרגת זייער מויל ביז אין הימעל: אז איינער רעט לשון הרע אויף זיין חבר: אפילו דער חבר איז ווייט פון איהם אזוי וויא פון דער ערד ביז צום הימעל פון דעסטוועגין הרגת ער איהם. פרעגט דיא גמרא אז עס שטייט שוין דער פסוק שתו בשמים פיהם ואפילו דער חבר איז ווייט וויא פון דער ערד ביז צום הימעל הרגת ער איהם. צו וואס דארף שטיין דער פסוק חץ שחוט לשונם צו ווייזען אז לשון הרע הרגת וויא אפייל. עס הרגת דאך נאך ווייטער איא אפייל אפילו ביז צום הימעל. ענטפערט דיא גמרא אז עס וואלט ניט גישטאנען דער חץ שחוט לשונם. וואלט איך דעם פסוק שתו בשמים פיהם גאר אנדערש טייטשין. ווארום דיא גמרא זאגט אז מען רעט לשון הרע ווערט אויף גיהאלטען דער רעגין. וואלט איך טייטשין שתו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ. זייער צונג גייט אויף דער ערד זייא רייעדען לשון הרע אונ זייער מויל האבען זיי גיטאהן אין הימעל. דורך זייער מויל ווערט אויף גיהאלטען דער הימעל עס זאל ניט גיין רעגין. אבער איך וואלט ניט וויסען אז לשון הרע הרגת אמענטשין. דריבער שטייט אין פסוק חץ שחוט לשונם צוא ווייזען אז לשון הרע הרגת אזוי וויא אפייל. פרעגט דיא גמרא אז עס שטייט שוין דער פסוק חץ שחוט לשונם. צו וואס דארף שטיין דער פסוק מות וחיים ביד לשון. ענטפערט די גמרא דער פסוק מיינט אזוי וויא רבא האט גזאגט דער וואס וויל לעבין קען דער צונג איהם געבין לעבין ווער זאל לערנען תורה אונ דאוונען. אונ דער וואס וויל שטארבען קען דער צונג הרגנן איהם אונ פרעמדע מענטשין ואז ער רעט רכילות לשון הרע אונ נאך אזעלכע זאכען. ווי עס שטייט אין דער תורה בייא דיא מגדפים ביי דעם בן איש מצרי. זייא זענען גישטארבען אונ האבען אנדערע גיהרגת נאר דורך דעם רייעדען:

זאגט דיא גמרא וואס איז לשון הרע. האט רבה גזאגט אז ער זאגט ביי יענעם אין שטוב איז דא פייער. האט אביי גזאגט צו רבה וואס האט ער דען גיטאהן אעבירה. מען האט ביי איהם גיפרעגט וואו בעקומט מען פייער האט ער גזאגט ביי יענעם: נאר אזוי מיינט מען. למשל ראובן האט גיפרעגט ביי שמעון וואו בעקומט מען פייער. האט שמעון גיענטפערט ביי לוי בעקומט מען פייער אגאנצען טאג. מען קאכט דארט פיש אונ פלייש איז דא פייער. דאס איז לשון הרע. ווארום שמעון האט נאר גידארפט ענטפערין ביי לוי איז דא פייער. צוא

ואת

פלניא דאיכא בשרא וכוורי . אמר (רב פפא) [רבה] כל מילת' דמתאמרה באפי מרה לית בה משום לישנ' בישא א"ל אביי כ"ש דאיכא חוצפא ולישנא בישא א"ל אנא כי הא דר' יוסי סבירא לי דא"ר יוסי מימי לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי (דף טז) אמר רבה בר רב הונא כל מילתא דמתאמרה באפי תלתא לית בה משום לישנא בישא מ"ט חברך חברא אית ליה וחברא דחברך חברא אית ליה כי אתא רב דימי אמר מ"ד (משלי כז) מברך רעהו בקול גדול בבקר השכם קללה תחשב לו כגון דאיקלע לאושפיזא וטרחו קמיה שפיר למחר נפיק יתיב בשוקא ואמר רחמנא ליברכיה לפלניא דהכי טרח קמאי ושמעי אינשי ואזלי ואנסי ליה. תני רב דימי

אחוה

בשר ודגים ואינו מחסר כלום ויכול לבוא לאחרים ואינו מהנה: דמתאמרה באפי מרה. בפני מרגל אומרה בהכי כאומר עליו: חוזרני לאחורי. לאחר שאם בעל הדבר שם מה שלא אמרתי שלא בפניו אלא אם יש כ"ש בפניו דקסבר כל שכיח לפניו ואין לו הכא אלא בעל הדבר שומע אין בו משום לה"ר א"נ שלא כאן הבעלים ולמרו למה אמרת כן לא הוזכרתי כי למה לא אמרתי אלא בפניהם הודיתי: דמתאמרה באפי ג'. שהבעלים אמרוה בפני ג' המגלה אותה אינו לה"ר בזה גילה דעתו לההלו שאם מגלה אותו אינו חושש דמידע ידע דסופו להגלות דהברך חברא אית ליה זה מגלה לחברו וזה מגלה לחברו עד שיודע. כתוב בספרים משום דמברך רעהו בקול גדול בבקר השכם קללה תחשב לו כגון דמקלס וכו': ואכי ליה. שאע"פ שאדם רוצה להכנים אורחים אי

וואס דער ציילט ער אז מען קאכט דארט פיש אונ פלייש. דאס איז שוין פאר שלעכטיגקייט ווייל ער פאר גינט ניט וואס לוי איז רייך. רבה זאגט דיא זאך וואס ווערט גזאגט פאר דעם בעל הבית איז דאס ניט קיין לשון הרע. למשל ראובן דער ציילט פאר שמעון שלעכטע רייד אויף לוי. אונ ווען לוי וואלט דא גיוועזן נעבין ראובן וואלט ראובן גזאגט דיא זעלביגע רייד פאר לוי אין דיא אויגען. איז דאס ניט קיין לשון הרע. האט אביי גזאגט דאס איז נאך ערגער דס איז עזה אונ לשון הרע. האט רבה גזאגט איך האלט אזוי וויא רבי יוסי. ווארום רבי יוסי הט גזאגט איך האב קיין מאהל ניט גזאגט אזאך איך זאל מיך דארפען אומקערין אויף הינטען זעהן צו דער מענטש וואס איך רייד פון איהם שטייט ניט. ווארום אז דער מענטש וואלט גישטאנען פאר מיר וואלט איך אויך גיזאגט דיא זעלביגע זאך. אונ אזוי אזאך וואס איך וואלט ניט זאגען יענעם אין דיא אויגען. האב איך ניט גזאגט אונטער דיא אויגען. אונ דאס וואס איך וואלט זאגען יענעם אין דיא אויגען אפילו איך זאג דאס אונטער דיא אויגען הייסט דאס ניט לשון הרע. רבה בר רב הונא האט גזאגט דיא זאך וואס דער בעל הבית אליין הט דאס שוין דער ציילט פאר דריי מענטשין. דער וואס דער ציילט דאס ווייטער פאר אנדערע מענטשין הייסט דאס ניט לשון הרע. ווארום אז דער בעל הבית האט דאס דער ציילט פאר דרייא מענטשין האט ער געוואוסט אז דיא זאך וועלין שוין אלע וויסען. ווארום דער מענטש וואס הט גיהערט פון בעל הבית האט א חבר וועט ער איהם געוויס דער ציילען. אונ דער חבר האט אויך א חבר וועט ער איהם אויך געוויס דער ציילען. איז געוויס אז דעם בעל הבית הארט ניט וואס אלע וועלין וויסען. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט עס שטייט אין פסוק דער וואס בענשט זיין פריינד מיט אהויכע שטימע ואלע זאלין הערין גאנץ פריה אנהייב טאגו. ווערט דיא ברכה גירעכונט פר אקללה. פאר וואס איז דיא ברכה גירעכונט פאר אקללה. נאר דער פסוק שמועסט אז אמענטש איז אמאהל גיקומען צוא גאסט צוא זיין חבר. האט דער חבר זיך שטארק כטריח גיוועז פון זייגעט וועגין. אונ האט איהם גיגעבין גוט צוא עסין אונ גוט צוא טרינקען. אויף מארגען איז דער גאסט ארויס גינאנגען אין גאס אונ הט גזאגט. גאט זאל בענטשין יענעם מענטש ווייל ער האט זיך אזוי שטארק מטריח גיוועזן פאר מיר אונ הט מיר גיגעבן גוט צוא עסין אונ גוט צוא טרינקען. מענטשין וועלין דאס הערין וועלין זייא קומען אלע צוא דעם מענטש ער זאל זייא געבין עסין אונ טרינקען. וועלין זייא איהם ארעם מאכען. אדער גזלנים וועלין הערין אז דער מענטש איז רייך וועלין זייא ביי איהם אוועק נעמען זיין פר מעגין: רב דימי דער ברודער פון רב ספרא האט גילערנט אמענטש זאל קיין מאהל ניט דער ציילען דיא גוטע מדות פון זיין חבר. ווארום עס קען זיין צווישען די מענטשין וואס הערין איז אנטער

אשונא

מה לו שיכולו אגודות אגודות ויכלו את ממונו. מ"א קלגסי לא ליסטים המשועים שבאו עליו: בא לידי רעתו. שמתוך כך פותח אחר ואומר מדה רעה פלוגית יש בו: צרות עין. צרה עינו באחרים ואינו מסבב שכניו מכליו על ידי שאלה: על לשון הרע. דכתיב ביה אותו אצמית ואמרינן לעיל להלוטין וחנן אין כין מצורע וכו': ואל יכרת מבית יואב. מפני שהרג את אבנר: הואל. נשבע שלקח אלישע וקח ככרים: ובחוקתו גבה. בעוזיה

אחות דרב ספרא לעולם אל יספר אדם בטובתו של חבירו שמתוך טובתו בא לידי רעתו וא"ר רב דימי אחוה דרב ספרא חלש על רב ספרא לשוילי ביה אמר להו תיתי לי דקיימית כל דאמור רבנן אמרו ליה האי מי מקיימת לעולם אל יספר אדם בטובתו של חבירו וכו' אמר להו לא הוה שמיע לי דאי הוה שמיע לי קיימתיה:

**ו** **א"ר** שמואל בר נחמני א"ר יונתן על ז' דברים נגעים באים על לה"ר ועל ש"ד ועל שבועת שוא ועל גילוי עריות ועל גסות הרוח ועל הגזל ועל צרות עין. על לה"ר דכתיב (תהלים קא) מלשני בסתר רעהו אותו אצמית. על שפיכות דמים דכתיב (ש"ב ג) ואל יכרת מבית יואב זב ומצורע. ועל שבועת שוא דכתיב (מ"ב ה) ויאמר נעמן הואל וקח ככרים וכתיב (שם) וצרעת נעמן תדבק בך. על גילוי עריות דכתיב (בראשית יב) וינגע ה' את פרעה נגעים גדולים ואת ביתו. על גסות הרוח דכתיב (ד"ה ב כו) וכחזקתו גבה לבו עד להשחית וימעל בה' אלהיו גו' והצרעת זרחה במצחו. ועל הגזל דכתיב (ויקרא יד) וצוה הכהן ופנו את

---

אשונא דעם מענטש וואס מען לויבט איהם. וועט ער אנהייבן דער ציילען די שלעכטע מדות פון דעם מענטש אונ ער וועט איהם שענדין אונ פאר שעמען. אנדערע זאגין אזוי איז גיוועזן. רב דימי דער ברודער פון רב ספרא איז קראנק גיוועזן. איז רב ספרא גיקומען צוא רב דימי מבקר חולה זיין. האט רב דימי גזאגט דורך דעם זכות וואס איך האב מקיים גיוועזן. אלץ וואס די רבנן האבען גזאגט. זאל איך געזונד ווערין. האט רב ספרא גזאגט צוא רב דימי האסטו מקיים גיוועזן וואס די רבנן האבען גזאגט אז א מענטש זאל ניט דער ציילען די גוטע מדות פון זיין חבר פאר אנדערע מענטשין. האט רב דימי גיזאגט איך האב דאס ניט גיהערט פון די רבנן זייא זאלען דאס זאגען. ווען איך וואלט דאס גיהערט וואלט איך דאס אויך מקיים גיוועזן:

**ו** אמר. רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין אויף זיבען עבירות קומט קרעץ אויף א מענטשין. אז מען רעט לשון הרע. אז מען הרגת א מענטשין. אז מען שווערט פאלש. אז מען איז מזנה. אז מען איז גרוים בייא זיך. אז מען גזלת. אז מען וויל ניט טאהן א טובה צו מענטשין. פון וואגען ווייסען מיר אז מען רעט לשון הרע ווערט מען קרעציג. ווארום עס שטייט אין פסוק דער וואס רעט אין דער שטיל אויף זיין חבר אותו אצמית. אונ אצמית מיינט מען קרעץ (אזוי וויא עס שטייט אין סימן ד). פון וואגען ווייסען מיר אז מען הרגת א מענטשין ווערט מען קרעציג. ווארום עס שטייט אין פסוק עס זאל ניט פאר שניטען ווערין פון יואבס קינדער א זב אונ א קרעציגער. ווייל יואב האט גיהרגת אבנר. פון וואגען ווייסען מיר אז מען שווערט פאלש ווערט מען קרעציג. ווארום עס שטייט אין פסוק נעמן האט גזאגט צוא גיחזי שווער אז אלישע האט דיך געשיקט אונ נעם צוויא צענטנער זילבער. האט גיחזי גישווארין. אונ עס איז דאך גיוועזן פאלש. האט אלישע גזאגט צוא גיחזי די קרעץ פון נעמן זאל זיך בהעפטין אויף דיר. אונ גיחזי איז באלד קרעציג גיווארין. פון וואגען ווייסען מיר אז מען איז מזנה ווערט מען קרעציג. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיפלאגט פרעה מיט זיין הויז גזינד מיט גרויסע פלאג (מיט קרעץ) ווייל ער האט גיוואלט מזנה זיין מיט שרה. פון וואגען ווייסען מיר אז מען איז גרוים בייא זיך ווערט מען קרעציג. ווארום עס שטייט אין פסוק ווייל ער האט זיך גישטארקט איז זיין הארץ גרוים גיווארין ביז צום פאר דארבען אונ ער האט גיפעלשט אין גאט האט די קרעץ גישיינט אויף זיין שטערין. פון וואגען ווייסען מיר אז מען גזלת ווערט מען קרעציג. ווארום עס שטייט אין פסוק דער כהן זאל הייסען מען זאל אוים ראמען אלע זאכען פון דיא שטוב

את הבית ותנא הוא כנס ממון שאינו שלו יבא הכהן ויפזר ממונו ועל צרות העין דכתיב (שם) ובא אשר לו הבית והגיד לכהן לאמר כנגע נראה לי בבית ותנא דבי ר׳ ישמעאל מי שמיוחד ביתו לו איני והא״ר ענני בר ששון למה נסמכה בגדי כהונה לפרשת קרבנות לומר לך מה קרבנות מכפרין אף בגדי כהונה מכפרין וכו׳ מעיל מכפר על לה״ר וכו׳ ל״ק הא דאהנו מעשיו הא דלא אהנו מעשיו אי אהנו מעשיו אהו נגעים עליה ואי דלא אהנו מעשיו מעיל מכפר

והא״ר סימון אריב״ל שני דברים אין להם כפרה בקרבנות כו׳ :

מתני׳ : שמיוחד ביתו לו . ואינו מהנה לאחרים : למה נסמכה בגדי כהונה לפ׳ קרבנות . בפרשת ואתה תצוה : מעיל מכפר על לה״ר . והיכי אמר במילה דעל לה״ר נגעים באים דאין לו כפרה : והא . דעני בר ששון וכו׳ דמעיל מכפר על לשון הרע : אהנו מעשיו . שבא הספר לזה על לה״ר שסיפר :

הבדיל בין איש לאשתו. כדאמרינן לעיל על ז׳ דברים נגעים באים על לה״ר וכו׳ : מגשה ספים.

(ע״ב) **ז בעא** מיניה ר׳ שמואל בר נדב מר׳ חנינא ואמרי לה ר׳ שמואל בר נדב חתניה דר׳ חנינא מר׳ חנינא ואמרי לה מר׳ יהושע בן לוי מה נשתנה מצורע שאמרה תורה (ויקרא יג) בדד ישב מחוץ למחנה מושבו הוא הבדיל בין איש לאשתו ובין איש לרעהו לפיכך אמרה תורה בדד ישב מחוץ למחנה מושבו . אריב״ל מה נשתנה מצורע שאמרה תורה (שם יד) יביא שתי צפרים לטהרתו אמר הקדוש ברוך הוא עשה

מעשה

---

וואס איז קרעציג געווארין . און מיר האבן גערעדט ווייל דער בעל הבית פון שטוב האט אייגעזאכולט געלט וואס איז נישט זיינע נאר גיגזאלטע . זאל קומען דער כהן און זאל פאר שפרייטען דאס געלט . פון וואנען ווייסען מיר אז מען ווייל נישט טאהן א מענטשין א טובה ווערט מען קרעציג . ווארום עס שטייט אין פסוק עס זאל קומען דער וואס דיא שטוב איז זיינע און ער זאל זאגין צום כהן אזוי וויא קרעץ איז מיר געזעהן געווארין אין שטוב . דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט דער וואס האלט זיין שטוב פאר זיך און וויל קיינעם נישט פאר בארגין פון זיינע זאכען . ווערט זיין שטוב קרעציג ווערין . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך נישט אזוי ווארום רבי ענני בר ששון האט גזאגט פאר וואס שטייט נאנט דיא פרשה וויא מען זאל מאכען דיא קליידער פון כהן צוא דיא פרשה פון קרבנות . צו זאגען דיר אזוי וויא קרבנות זענען מכפר . אזוי זענען דיא קליידער פון כהן מכפר . דער מעיל איז מכפר אויף לשון הרע . ענטפערט דיא גמרא אז איינער האט גירעדט לשון הרע אויף זיין חבר . און דער חבר האט גיהאט א שאדין דורך דעם לשון הרע . קומט קרעץ אויף דעם מענטש וואס האט גירעדט די לשון הרע . און אויב דער חבר האט נישט גיהאט א שאדין דורך דעם לשון הרע . איז דער מעיל מכפר :

ז בעא . רבי שמואל בר נדב האט גיפרעגט ביי רבי חנינא . אנדערע זאגין רבי שמואל בר נדב דער איידים פון רבי חנינא האט גיפרעגט בייא רבי חנינא . אנדערע זאגין רבי שמואל בר נדב האט גיפרעגט בייא רבי יהושע בן לוי . פאר וואס איז א קרעציגער גיענדערט פון אלע אנדערע מענטשין וואס זענען טמא . וואס דיא תורה האט גזאגט אז א קרעציגער זאל זיצען אליין זיין זיצונג זאל זיין אויסער דיא מחנה . האט רבי חנינא (אדער רבי יהושע) גיענטפערט ווייל דער מענטש האט גירעדט לשון הרע . ווארום קרעציג ווערט מען דורך לשון הרע . און מיט זיין לשון הרע האט ער אפ גישיידט א מאן פון א ווייב . אדער א מענטשין פון זיין גוטען פריינד . דריבער האט דיא תורה גזאגט ער זאל אויך אפ גישיידט ווערין פון אלע מענטשין און ער זאל זיצען אליין אויסער די מחנה זאל זיין זיין זיצונג :

רבי יהושע בן לוי האט גזאגט פאר וואס איז גיענדערט דיא ריינקייט פון א קרעציגען פון אלע אנדערע טמא מענטשין ווען זייא ווערין ריין . ווארום די תורה האט גזאגט אז א קרעציגער ווען ער ווערט ריין זאל ער ברענגען צוויא פייגעלאך . ענטפערט רבי יהושע בן לוי גאט האט גזאגט ווייל זיין עבירה איז גיוועזן דורך ריידין . ווייל ער האט גירעדט לשון הרע דריבער איז ער

קרעציג

מעשה פטיט לפיכך יביא קרבן פטיט . ת"ר (שם יט) לא תשנא את אחיך בלבבך יכול לא יכנו לא יסטרנו לא יקללנו ת"ל (שם) בלבבך בשנאה שבלב הכתוב מדבר. מנין לרואה דבר מגונה בחברו שחייב להוכיחו ת"ל (שם) הוכח תוכיח את עמיתך לא קבל מנין שיחזור ויוכיחנו ת"ל תוכיח מ"מ יכול אפי' פניו משתנים ת"ל ולא תשא עליו חטא :

ח תניא א"ר טרפון תמה אני אם יש בדור הזה מי שיוכל להוכיח אם אמר לו טול קיסם מבין שיניך אומרים לו טול קורה מבין עיניך אר"א בן עזריה (תמה אני אם יש בדור הזה מי שמקבל תוכחה אמר ר"ע) תמה אני אם יש בדור הזה מי שיודע להוכיח א"ר יוחנן בן נורי מעיד אני עלי שמים וארץ שהרבה פעמים לקה עקיבא בן יוסף ע"י שהייתי קובל עליו לפני רבן גמליאל וכל שכן שהוסיף בי אהבה לקיים מה שנא' (משלי ט) אל תוכח

(שמתן מריבה בין איש לרעהו ומספר דברים שאינם כדאי מזה לזה) לשון קול היוצא בתחלי : קרבן פטיט. לפרים שמפוררין ואומרים פטפוט : (יכול . שלא בא הכתוב אלא שלא יכנו על גואליו : ולא יסטרנו. על לחייו וכו'. (ל"א יכול) לא יכנו על דבר הוכחה) יכול אפילו משתנין פני מי שמוכיחין אותו ואינו רוצה לשוב שאינו חייב להוכיחו עוד : ת"ל וכו' . שלא ילבין פניו ברבים : יכול אפילו פניו משתנים. יכול שיוכיחנו ברבים להלבין פניו : טול קיסם וכו'. כלומר שאם יש אדם שמוכיח חבירו לומר לו הנח עבירה של נית שבידך יכול להשיבו טול אתה עון גדול שבידך לומר שכולם רשעים: שיודע להוכיח. שלא ישא עליו חטא על ליבון פנים: קובל עליו . כשהייתי

קרעציג גיוואהרין . דריבער זאל זיין זיין קרבן פון אזעלכע זאכין וואס ביידין שטענדיג . דאס וועגען פייגעלאך וואס זינגען :

דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט פיינט האבען דיין ברודער (אלע מענטשין וועגען ברידער) אין דיין הארץ . איך וואלט מיינען דיא תורה האט נאר פאר באטען ער זאל קיינעם ניט שלאגין אונ ניט פאטשין אונ ניט פלוכען . שטייט אין פסוק אין דיין הארץ . אפילו נאר פיינט האבען אין הארץ טאר מען אויך ניט . פון וואנען ווייסען מיר אז איינער זעהט פון זיין חבר ער טוהט אמיאוסע זאך (אעבירה) . אז ער מוז איהם שטראפין : שטייט אין פסוק שטראפין זאלסטו שטראפין דיין חבר . אז דער חבר האט ניט אן גינומען די שטראף ביידע . אונ ער טוהט ווייטער דיא עבירות : פון וואנען ווייסען מיר אז ער זאל איהם נאך אמאהל שטראפין . שטייט אין פסוק שטראפין זאלסטו שטראפין . איז דאך איין ווארט שטראפין איבעריג . צו לערנען אז מען מוז שטראפין פיל מאהל . איך וואלט מיינען מען מעג שטראפין אפילו ווען ער שטייט צווישען פיל מענטשין אונ ער ווערט פאר שעמט . שטייט אין פסוק ולא תשא עליו חטא . דוא זאלסט ניט אויף הייבען דיין שטימע צוא ביידען הויך אלע מענטשין זאלען הערין דיא עבירה וואס דער מענטש האט גיטאהן נאר זאלסט איהם זאגין אין דער שטיהל ווען דוא וועסט זיין נאר אליין מיט איהם . דוא זאלסט וויסען דו האסט גיטאהן אעבירה :

ח תניא . מיר האבען גילערנט רבי טרפון זאגט איך וואונדער מיך אויב עס איז דא היינטיגע צייט אמענטש וואס זאל קענען שטראפין זיין חבר . ווארום אז ער וועט זאגין צוא זיין חבר נעם ארויס דיא שטיקול האלץ פון צווישען דיינע ציין (דאס מיינט מען לאז אפ דיין קליינע עבירה) וועט דער חבר צו איהם זאגין נעם אראפ דעם בעלעק פון צווישען דיינע אויגין (דאס מיינט מען לאז דוא אפ דיין עבירה וואס זיא איז גרעסער וויא מיינע) . רבי אלעזר בן עזריה האט גזאגט איך וואונדער מיך אויב עס איז דא היינטיגע צייט אמענטש וואס זאל וועלין צוא נעמען דיא ביידע וואס מען שטראפט איהם . רבי עקיבא האט גזאגט איך וואונדער מיך אויב עס איז דא היינטיגע צייט אמענטש וואס ווייס וויא אזוי צו שטראפען . ער זאל יענעם ניט פאר שעמען : רבי יוחנן בן נורי האט גזאגט איך זאג אויף מיר עדות דיא הימעל מיט די ערד . אז פיל מאהל האט מען דורך מיר גישלאגען עקיבא בן יוסף . ווארום אז איך האב פון איהם גיזעהן אמיאוסע זאך האב איך דאס דער ציילט פאר רבן גמליאל . אונ רבן גמליאל פלעגט איהם שלאגען . אונ רבי עקיבא בן יוסף האט מיך אלע מאהל ליבער גיהאט . איך האב מקיים גיווען וואס עס שטייט אין פסוק זאלסט ניט שטראפען דעם רשע טאמער וועט ער

דיך

תוכח לין פון ישנאך הוכח לחכם ויאהבך . בעא מיניה ר' יהודה בריה דר' שמעון תוכחה לשמה וענוה שלא לשמה הי מינייהו עדיפא א"ל מי לא מודית דענוה לשמה עדיפא דאמר מר ענוה גדולה מכולן שלא לשמה נמי עדיפא דאמר רב יהודה אמר רב לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אע"פ שלא לשמן שמתוך שלא לשמן בא לשמן היכי דמי תוכחה לשמה וענוה שלא לשמה כי הא דרב הונא וחייא בר רב הוו יתבי קמיה דשמואל א"ל ר' חייא בר רב חזי מר דקא מצער לי רב הונא קבל עליה דתו לא מצער ליה בתר דנפק א"ל הכי והכי קא עביד א"ל אמאי לא אמרת ליה באפיה א"ל חס לי דליכספיה זרעיה דרב על ידאי . עד היכן תוכחה רב אמר עד הכאה ושמואל אמר עד קללה ר'

יוחנן

רואה בו דבר גנאי : תוכחה לשמה . לשם שמים : וענוה שלא לשמה . שעושה עצמו עניו שאינו רוצה להוכיחו ואומר ענוה שלא לשם שמים היא אלא שלא ישנאנו : דאמר מר ענוה גדולה מכלם . בפ"ק דע"ז דאר"פ טהרה מביאה לידי קדושה קדושה מביאה לידי זריזות וכו' : א"ל . חייא לשמואל חזי מר דקא מצער לי רב הונא שמבזה ומגנה אותי : בתר דנפק . חייא : א"ל . רב הונא לשמואל הכי עביד והכי עביד על מעשיו שאינן מהוגנין הייתי מצערו והיינו ענוה שלא לשמה שלא רצה לקנטרו בפניו ונראה משום ענוה והוא לא היה מניח משום ענוה אלא שלא רצה להלבין פניו וזו היא תוכחה לשמה שהוכיחו שלא בפני שמואל שלא להלבין פניו : עד היכן תוכחה . עד כמה אדם חייב להוכיח לחבירו : עד הכאה . שיכנו המתוכח למוכיח : עד

---

דיך פיינט האָבען . דו זאָלסט שטראָפין דעם חכם וועט ער דיך ליב האָבען :

רבי יהודה בריה דרבי שמעון האט געפרעגט למשל שמעון האט געזעהן וויא לוי האט געטאהן אַעבירה . דאַרף מען דאָך לוין שטראָפען . וואָרום גאָט האָט געהייסען אַז מען וועט זעהן איינער טוהט אַעבירה זאָל מען איהם שטראָפען . אונ שמעון זאָגט וועֶר בין איך דאָס איך זאָל שטראָפען אַמענטשין ; מאַכט זיך שמעון נידעריג . אָבער דיא נידעריגקייט איז פאַלש . וואָרום אין אמת וויל שמעון ניט שטראָפען לוין ווייל ער האָט מורא פאַר לוי ער זאָל איהם ניט ווערין אַשונא . וויא זאָל מען טאהן . זאָל מען זאָגין צו שמעון דוא מוזט שטראָפין לוין פון גאָטס וועגין . ווייל גאָט האָט געהייסען מען זאָל שטראָפען דעם זינדיגער . אָדער מען זאָל לאָזין שמעון אין זיינע פאַלשע ענִיוּות וואָס ער זאָגט ער איז ניט ווערט צו שטראָפען אַמענטשין . האָט מען געזאָגט צו רבי יהודה ביזטו דען ניט מודה אַז אַאמתה ענִיוּות פון גאָטס וועגין איז בעסער וויא צו שטראָפין זיין חבר אויף אַעבירה . וואָרום דער תנא האָט געזאָגט ענוה איז גרעסער פון אַלע מדות . דיא ענוה וואָס ניט פון גאָטס וועגין איז אויך בעסער וויא צוא שטראָפין זיין חבר . וואָרום רב יהודה האָט געזאָגט פון רבס וועגין אייביג זאָל אַמענטש לערנען תורה אונ טאָהן מצות אַפילו ער מיינט ניט פון גאָטס וועגין . וואָרום אַז ער וועט נאָר זיין איין געוואוהנט צוא לערנען תורה אונ צוא טאהן מצות אַפילו ניט פון גאָטס וועגין ; וועט ער שוין קומען דער צוא ער זאָל לערנען תורה אונ טאהן מצות פון גאָטס וועגין אויך . פרעגט דיא גמרא וויא אַזוי איז דאָס שטראָפען פון גאָטס וועגין . אונ ענִיוּות ניט פון גאָטס וועגין . וואָרום רב הונא אונ חייא בר רב זענען אַמאָהל געזעסען פאַר שמואל . האָט רבי חייא בר רב געזאָגט צו שמואל זאָל דער רבי זעהן אַז רב הונא איז מיך מצער . האָט רב הונא אויף זיך גענומען ער זאָל שוין מער ניט מצער זיין צוא רבי חייא . דער נאָך וויא רבי חייא איז אַרויס געגאַנגען האָט רב הונא געזאָגט צוא שמואל אַזוי אונ אַזוי האָט רבי חייא געטאהן . וואָס עס איז ניט שיין פאַר איהם . דריבער האָב איך איהם מצער געוועזן . האָט שמואל געזאָגט צו רב הונא פאַר וואָס האָסטו ניט געזאָגט צו רבי חייא ווען ער איז דאָ געזעסין זיינע שלעכטע זאַכען וואָס ער טוהט ; האָט רב הונא געזאָגט איך האָב ניט געוואָלט אַז דער זוהן פון רב זאָל פאַר שעמט ווערין דורך מיר , דאָס איז געוועזן אַעניוות פון רב הונא וואָס ער האָט ניט געוואָלט פאַר שעמען רבי חייא . אָבער דאָס האָט ער ניט געטאהן פון וועגין ענִיוּות . נאָר ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין פאָטער רב . דריבער האָט ער גיט פאַר שעמט רבי חייא . פרעגט דיא גמרא ווי פיל מוז אַמענטש שטראָפען זיין חבר . רב זאָגט ביז דער חבר וועט איהם

שלאגין

קללה. שיקלל את המוכיח: עד נזיפה. כגוער בו על שמוכיחו: ושאני התם דהוה חביבותא וכו'. ולמ"ד נמי עד קללה איכא לאקשויי הכי: עד היכן לא ישנה וכו'. דאסור לאדם לצאת מאכסניא שלו לדור עם אחר: עד הכאה. שיכנו בעל הבית שאינו רוצה שידור עמו: עד שיפשיל. שיגלגל כליו מן הבית: לא פליגי. דתרוייהו מודו דמכאן ואילך רשאי לצאת: בהכאה דדביתהו. שהכה את אשתו של אורח: וכל כך למה. למה אמרו שאין רשאי לצאת עד שיצערו כל כך: אכסנאי פוגם. את בעל הבית שיוצא שמו באומרים בני אדם כמה רעים עסקיו של בעה"ב שאין אכסנאי זה יכול לדור עמו: ונפגם. נמי באומרים בני אדם כמה רעים עסקיו של אכסנאי זה שאין בעל הבית יכול לדור עמו:

יוחנן אמר עד נזיפה אמר רב נחמן בר יצחק שלשתן מקרא אחד דרשו שנאמר (ש"א כ) ויחר אף שאול ביהונתן ויאמר לו בן נעות המרדות וכתיב (שם) ויטל שאול את החנית עליו להכותו מאן דאמר עד הכאה דכתיב להכותו מ"ד עד קללה דכתיב (שם) לבשתך ולבשת ערות אמך ומ"ד עד נזיפה דכתיב ויחר. ולמ"ד עד נזיפה והכתיב הכאה וקללה שאני התם דאגב חביבותא יתירתא דהוה ליהונתן בדוד מסר נפשיה טפי. עד היכן לא ישנה אדם מאכסניא שלו רב אמר עד הכאה ושמואל אמר עד שיפשילו כליו לאחוריו בהכאה דידיה כולי עלמא לא פליגי בהפשלת כליו לאחוריו כולי עלמא נמי לא פליגי כי פליגי בהכאה דדביתהו מר סבר כיון דלדידיה לא קא מצער ליה מאי נפקא ליה מינה ומ"ס אתי לאיטרודי וכל כך למה דאמר מר אכסנאי פוגם ונפגם:

אמר

---

שלאגין. און שמואל זאגט ביז דער חבר וועט איהם פלוכען. און רבי יוחנן זאגט ביז דער חבר וועט אויף איהם אן שרייען פאר וואס ער שטראפט איהם. רב נחמן בר יצחק זאגט אלע דריי דרשנען איין פסוק. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען יונתן האט גישטראפט זיין פאטער שאול פאר וואס ער וויל הרגנן דוד] דער בעס פון שאול איז דער היצט גיווארען אויף יהונתן. אונ שאול האט גיזאגט צו יהונתן דוא ביזט אזוהן וואס דוא האסט פארקרימט אונ מען דארף דיר שלאגין מכות. אונ עס שטייט נאך אין פסוק שאול האט גיווארפען דעם שפיז אויף יונתן צו שלאגין איהם. דער ווס זאגט אז מען דארף שלאגין. ווארום דא שטייט אז שאול הט גיוואלט שלאגין דעם יונתן. דע וואס זאגט אז מען דארף שטראפין ביז מען פלוכט איהם ומען פאר שעמט איהם). ווארום דא שטייט שאול האט גיזאגט צו יונתן צו דיין שאנד אונ צו דעם שאנד פון דיין מוטער. דער וואס זאגט אז מען דארף שטראפען ביז מען שרייט אויף איהם. ווארום דא שטייט שאול איז אין בעס גיוועין אויף יונתן אונ האט גיצערנט אויף איהם. פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז מען דארף שטראפען ביז מען וועט אויף איהם אן שרייען. דא שטייט דאך אז שאול הט גיפלוכט אונ האט גיוואלט שלאגין יונתן פאר ווס ער האט איהם גישטראפט. ענפערט די גמרא ביי יונתן מיט שאול איז אנדערש ווי ביי אלע מענטשין. וויל יונתן האט שטארק ליב גיהאט דוד האט ער גירעט שטארקע רייד נעגין פאטער דריבער הט דר פאטער איהם גיוואלט שלאגין אונ האט איהם גיפלוכט. פרעגט דיא גמרא ביז ווען זאל אמענטש ניט ווענדערין זיין נאסט הויז. רב זאגט ביז דער בעל הבית שלאגט איהם אונ לאזט איהם ניט וואוהנען. אונ שמואל זאגט ביז דער בעל הבית וועט ארויס ווארפען זיינע זאכין פון שטוב. וועט ער נעמען זיינע זאכען אויף דיא פלייצעס אונ וועט גיין אין איין אנדער וואהנונג. זאגט די גמרא אז מען שלאגט איהם אליין האלטען אלע אז ער מעג שוין אוועק גיין פון דר וואהנונג. אז דער בעל הבית ווארפט ארויס זיינע זאכען פון שטוב. האלטין אויך אלע אז ער מעג שוין אוועק גיין פון דעם וואהנונג. ווען דען קריגט רב אונ שמואל אז דער בעל הבית הט נאר גישלאגין די ווייב פאר ווס זיי ציהען ניט ארויס פון שטוב. רב האלט וייל ער האט איהם אליין ניט גישלאגין זאל ער ניט אוועק גיין פון דיא וואהנונג. אונ שמואל האלט ער זאל יא אוועק גיין פון די וואהנונג וויל די ווייב זיינע וועט איהם מצער זיין פאר וואס מען וואהנט ביי אזוי אבעל הבית וואס ער האט איהר גישלאגין. זאגט די גמרא פאר וואס זאל מען ניט פארין אוועק גיין פון אוואוהנונג ווען מען וויל. ווארום דער תנא האט גיזאגט אז אגאסט ציהט אויס פון זיין נאסט הויז טוהט ער שאדין דעם בעל הבית אונ טוהט שאדין זיך אליין. ער

טוהט

**ט אמר** רב יהודה אמר רב מנין שלא ישנה אדם מאכסניא שלו מה"ת שנא' (בראשית יג) עד המקום אשר היה שם אהלה בתחלה ר' יוסי בר' חנינא אמר מהכא (שם) וילך למסעיו מאי בינייהו איכא בינייהו אכסניא דאקראי. א"ר יוחנן מנין שלא ישנה אדם מאומנות אבותיו שנא' (מ"א ז) וישלח המלך שלמה ויקח את חירם מצור בן אשה אלמנה הוא ממטה נפתלי ואביו איש צרי חרש נחשת וימלא את החכמה ואת התבונה ואת הדעת לעשות כל מלאכה בנחשת ואמר מר אמיה מדבית דן וכתיב (שמות לח) ואתו אהליאב בן אחיסמך למטה דן חרש:

איכא בינייהו וכו'. למ"ד מאשר היה שם אהלה בתחלה משמע אכסניא דקבוע אבל אכסניא דאקראי מותר לשנות ולמ"ד מן וילך למסעיו אפילו אכסניא דאקראי שהקרה לו במסעו בדרכו כגון שנקבע לו חנה: אמיה. אם אבי חירם מאור מדן היה ואהליאב בן אחיסמך שהיה אומן היה מדן לפיכך לא שינה חירם מאומנות אבותיו שהיו בעלי אומנות:

עד

---

טוהט שאדין דעם בעל הבית וואָרום מענטשין פרעגין פאר וואָס האָט דער איינוואוהנער אויס ניצוינין. געוויס ווייל דער בעל הבית איז אשלעכטער מען קען ביי איהם ניט וואוהנען וועט קיינער ניט וועלין וואוהנען ביי דעם בעל הבית. און ער טוהט שאדין זיך אליין וואָרום מענטשין פרעגין פאר וואָס האָט דער בעל הבית גילאָזט דעם מענטשין אויס ציהען פון זיין וואוהנונג. געוויס איז ער אשלעכטער און דער בעל הבית האָט ניט געקענט פאר טראָגין ער זאָל בייא איהם וואוהנען. וועט קיין בעל הבית איהם ניט פאר דינגען אוואוהנונג:

**ט אמר.** רב יהודה האָט גיזאָגט פון רבם וועגין ווא שטייט אין דר תורה אז א מענטש זאָל ניט ענדערין זיין נאכט הויז: וואָרום עס שטייט אין פסוק ווען אברהם איז גיגאנגען צוריק פון מצרים אין כנען איז ער גיקומען ביז צוא דעם אָרט וואָס דאָרט איז גיוועזן זיין גיצעלט אין אנהייב: רבי יוסי בר רבי חנינא זאָגט פון דעם פסוק אברהם איז גיגאנגען צו זיין ציהונג. אין די זעלביגע נאכט הייזער וואָס ער איז איין גישטאנען ווען ער האָט גיצויגין פון כנען אין מצרים. איז ער אין זיי גישטאנען ווען ער איז גיגאנגען צוריק פון מצרים אין כנען. פרעגט די גמרא וואָס איז דער אונטערשייד צו מען לערונט פון דעם פסוק אָדער פון דעם פסוק. ענטפערט די גמרא אויב ער איז גישטאנען אין אגאסט הויז טרעפענדיג. דהיינו עס האָט גיטראָפען אשטארקער רעגין פארין נאכט האָט ער גימוזט בלייבען נעכטיגען אין דעם נאסט הויז. דער וואָס לערונט אָפּ פון דעם פסוק וואָס אברהם איז גיגאנגען צו זיין ערשטין גיצעלט, האַלט ער אז נאָר איין שטענדיגען נאסט הויז זאָל מען ניט ענדערין. אָבער אגאסט הויז וואָס מען האָט דאָרט נאָר גינעכטיגט איין נאכט. מעג מען איהם ענדערין און אז מען קומט נאך אמאהל אין דר שטאָט מעג מען איין שטיין אין איין אנדער נאסט הויז. און דער וואָס לערונט אָפּ פון דעם פסוק וואָס אברהם איז גיגאנגען צו זיינע ציהונג. אויף יעדער אָרט ווא אברהם האָט גינעכטיגט ווען ער האָט גיצויגין פון כנען אין מצרים. האָט ער נאך אמאהל גינעכטיגט ווען ער האָט צוריק גיצויגין פון מצרים אין כנען. זעהן מיר אז אזוי אגאסט הויז וואָס מען האָט דאָרט גינעכטיגט אפילו נאָר איין מאהל טרעפענדיג דארף מען אויך ניט ענדערין. רבי יוחנן זאָגט פון וואנען ווייסען מיר אז אמענטש זאָל ניט ענדערין די מלאכה פון זיין פאָטער. נאָר דער זוהן זאָל זיין דער זעלביגער בעל מלאכה וואָס דער פאָטער איז: וואָרום עס שטייט אין פסוק דער מלך שלמה האָט געשיקט און ער האָט גינומען דעם חירם פון צור. חירם איז גיוועזן דער זוהן פון אאשה אלמנה. פון שבט נפתלי. און זיין פאָטער איז גיוועזן פון צור. ער האָט גיארבעט קופּער און ער האָט דער פילט די חכמה און די פארשטאנדיקייט און די וויסענשאפט צו טאָהן אלע קופּערנע ארבעט. און דער תנא האָט גיזאָגט די מוטער פון חירם פאָטער איז גיוועזן פון שבט דן. און עס שטייט אין פסוק מיט בצלאל איז גיוועזן אהליאב בן אחיסמך צום שבט דן און ער איז גיוועזן אבעל מלאכה. זעהן מיר אז חירם האָט גיטאָהן ווי זיינע עלטערין. זיינע עלטערין זענען גיוועזן בעלי מלאכות און ער איז אויך גיוועזן אבעל מלאכה:

עד

י עד היכן תכלית יסורין א"ר אלעזר כל שארגו לו בגד ללבוש ואינו מתקבל עליו מתקיף לה רבא זעירא ואיתימא ר' שמואל בר נחמני גדולה מזו אמרו אפי' נתכוונו למזוג לו בחמין ומזגו לו בצונן בצונן ומזגו לו בחמין ואת אמרת כולי האי מר בריה דרב דימי אמר אפילו נהפך לו חלוקו רבא אמר ואיתימא רב חסדא ואיתימא רב יצחק ואמרי לה במתניתא תנא אפילו הושיט ידו לכיס ליטול שלש ועלו בידו שתים ודוקא שלש ועלו בידו שתים אבל שתים ועלו שלש לא דלא אית טרחא למשדיא וכ"כ למה דתנא דבי ר' ישמעאל כל שעברו עליו מ' יום בלא יסורין קבל עולמו במערבא אמרי (דף יז) פורענות מזומנת לו. תניא רבי אליעזר הגדול אומר אלמלא בא הקב"ה עם אברהם יצחק ויעקב בדין אינן יכולין לעמוד מפני התוכחה שנאמר (ש"א יב) ועתה התיצבו ואשפטה אתכם לפני ה'

עד היכן תכלית יסורין. מהו דבר פחות שבישורין שהשוב יסורין: ואין מתקבל עליו. שאין כמדתו ומלמטעט יותר: למזוג לו. כוס יין הי דעתים חמין. נהפך לו הלוקו. שלא לבשה כסדר וצריך לפשטה ולפשטה: ג' פרוטות ועלו בידו שתים. דט"ה ליטול פרוטה שלישית: וכל כך למה. כלומר למאי נפקא מינה הוו יסורין: קיבל עולמו. ואין לו חלק לעוה"ב: אין יכולין לעמוד. לומר שאין אדם

י עד. פרעגט דיא גמרא וועלכעס הייסט גירופען יסורים. האט רבי אלעזר גיזאגט אז איינער האט גיגעבען צו אשניידער ער זאל נייען פאר אידם אקאפאטע. אונ די קאפאטע איז ניט גוט גינייט. אונ ער האט צער פון דעם. דאס הייסט יסורים. האט רבא זעירא גיפרעגט אנדערע זאגין רבי שמואל בר נחמני האט גיפרעגט נאך אגרעסערע זאך האט מען גיזאגט אפילו ער האט גיוואלט מען זאל מישען דעם וויין מיט ווארעמע וואסער. אונ מען האט געמישט מיט קאלטע וואסער. אדער ער האט גיוואלט מען זאל מישען דעם וויין מיט קאלטע וואסער. אונ מען האט געמישט מיט ווארעמע וואסער. אונ ער האט צער פאר וואס עס איז ניט גיטאהן גיווארין וויא ער וויל. הייסט דאס יסורים ופאר צייטיגע וויין איז גיוועזן שטארקע. אויף איין קוואטירול וויין האט מען גידארפט דריי קוואטירלאך וואסער אריין גיסען. אנדערש האט מען ניט גיקענט טרינקען. זעהן מיר דאך אז אפילו אקליינגקייט וואס עס איז ניט קיין שאדין גערעט הייסט אויך יסורים. אונ דו זאגסט נאר אז מען האט איהם אקלייד קאליע גימאכט הייסט יסורים. מר בריה דרב דימי זאגט אז איינער האט אנגיטאהן דיא העמד פארקערט. אונ ער דארף איהר אויס טאהן אונ אומקערין אונ צוריק אנטאהן. דאס הייסט אויך יסורים. רבא זאגט אנדערע זאגין רב חסדא האט דאס גיזאגט אנדערע זאגין רב יצחק האט דאס גיזאגט אנדערע זאגין אין אברייתא האבען מיר גילערנט אז איינער האט אריין גישטעקט זיין האנט אין בייטיל. אונ ער האט גיוואלט ארויס נעמען דרייא מטבעות. אונ ער האט נאר ארויס גינומען צווייא מטבעות. אונ ער דארף נאך אמאהל אריין שטעקן די האנט אין בייטיל ארויס צו נעמען די דריטע מטבע. דאס הייסט אויך יסורים. דאס איז נאר אז ער האט גידארפט נעמען דריי מטבעות. אונ ער האט גינומען צוויי מטבעות. אבער אז ער האט גיוואלט נעמען צוויי מטבעות אונ ער האט גינומען דריי מטבעות. אונ ער דארף דיא דריטע מטבע צוריק אריין ווארפען אין בייטיל. דאס הייסט ניט יסורים. ווארום אריין ווארפען איז ניט קיין ארבעט. זאגט דיא גמרא נעגין וואס הייסט דס יסורים. אזוי וויא דבי רבי ישמעאל האבין גילערנט דער מענטש וואס ביא איהם איז אוועק גיגאנגען פערציג טעג אן יסורים. האט ער שוין אפ גינומען זיין עולם הבא. אבער אז אין דיא פערציג טעג האט ער גיהאט אזעלכע יסורים וויא דא שטייט מיט דעם קלייד. אדער מיט דיא אנדערע זאכען דאס הייסט שוין יסורים. האט ער נאך עולם הבא. אין ארץ ישראל האט מען גזאגט דער מענטש וואס ביי איהם איז אוועק גיגאנגען פערציג טעג אן יסורים זאל ער וויסען אז פאר איהם איז אן גיברייט צרות וואס דארפען קומען אויף איהם:

מיר האבען גילערנט רבי אליעזר הגדול האט גזאגט ווען גאט וואלט גירופען אברהם יצחק יעקב צום משפט. וואלטען זייא אויך ניט גיקענט בשטיין פאר איהם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שמואל הנביא האט גזאגט צוא דיא יודען אונ איצט שטעלט אייך אונ איך וועל מיך

משפטין

ה' את כל צדקות ה' אשר עשה אתכם ואת אבותיכם :
(תהלים כד) **יא זה** דור דורשיו מבקשי פניך יעקב סלה
פליגי בה ר' יהודה נשיאה ורבנן חד
אמר דור לפי פרנס וחד אמר פרנס לפי דורו למאי
הלכתא אילימא למעליותא דמר סבר אי מעלי דרא
מעלי פרנס ומר סבר אי מעלי פרנס מעלי דרא הא
איכא יהויקים דלא מעלי ודריה מעלי והא איכא צדקיהו
דהוה מעלי ודריה לא ה"ה מעלי דא"ר יוחנן משום
רשב"י מ"ד (ירמיה כו) בראשית ממלכות יהויקים בן יאשיהו מלך יהודה (שם כח) ובראשית
ממלכת צדקיה מלך יהודה בקש הקב"ה להחזיר את העולם לתהו ובהו בשביל יהויקים
וכיון שנסתכל בדורו נתישבה דעתו בקש הקב"ה להחזיר את העולם לתהו ובהו בשביל דורו
של צדקיהו וכיון שנסתכל בצדקיהו נתישבה דעתו אלא לענין תוקפא וניחותא קאמרינן :
המקדיש

צדיק בלבד : ואת אבותיכם. שאף עמהם עשה צדקה שלא נהוגה עמהם בדין :
מ"ד זה דור דורשיו. דמקיש דור לדורשיו: מעליותא. לענין הסידות : מאי שנא דכתיב ביהויקים ובצדקיהו בראשית. לפי שביקש הקב"ה להפך מעשה בראשית בימיהם : לענין תיקפא. כעס: וניחותא. שעוה אם הדור עז הקב"ה מעמיד עליהם פרנס עז ואם הדור נוחין זה נוח הקב"ה מעמיד עליהם פרנס שמנהיגם בנחת. ומ"ד דור לפי פרנס מפרש איפכא דאמר פרנס איפכא :

---

משפטן מיט אייך פאר גאט אונ איך וועל אייך אויס רעכענען די אלע צדקות וואס גאט הט געטאהן מיט אייך אונ מיט אייערע עלטערן . זעהן מיר אז אפילו די עלטערן האבען ניט זוכה געוועזן מיט דעם דין זייערע טובות . נאר גאט הט מיט זיי געטאהן צדקות :

**יא** זה דור דורשיו . דער דור איז גלייך צו זיינע דרשנים . אין דעם פסוק קריגען רבי יהודה נשיאה מיט דיא רבנן . איינער זאגט דער דור איז וויא דער דרשן . אונ איינער זאגט דער דרשן איז וויא דער דור . פרעגט דיא גמרא צו וואס איז דיא קריג זייערע מיר זאגען זאגען וועגן פרומקייט . איינער האלט אויב דער דור איז פרום . איז דער פירער פון דור אויך פרום . אונ דער האלט פארקערט איז אויב דער פירער איז פרום איז דער דור אויך פרום . מיר זעהן דאך אז עס איז ניט אזוי . ווארום דער מלך יהויקים איז ניט פרום געוועזן . אונ זיין דור איז פרום געוועזן . אונ פארקערט איז אויך דא . דער מלך צדקיהו איז יא פרום געוועזן אונ זיין דור איז ניט פרום געוועזן . ווארום רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגן עס שטייט אין פסוק בראשית ממלכות יהויקים בן יאשיהו מלך יהודה ובראשית ממלכת צדקיה מלך יהודה . פאר וואס שטייט ביי די צוויי מלכים דערווארט בראשית ווייל גאט האט געוואלט צוריק מאכען דיא וועלט וויסט אזוי וויא עס איז געוועזן בראשית ברא אלהים . אין אנהייב וועגן גאט האט דיא וועלט באשאפען פון וועגן דיא שלעכטס וואס יהויקים האט געטאהן : וויא גאט האט אבער געזעהן דיא פרומקייט פון זיין דור . איז שטיל געווארן דער כעס פון גאט . דער נאך האט גאט געוואלט צוריק מאכען דיא וועלט וויסט פון וועגן דיא שלעכטס וואס דער דור פון צדקיהו האט געטאהן . וויא גאט האט געזעהן דיא פרומקייט פון דעם מלך צדקיהו . איז שטיל געווארן דער כעס פון גאט . זעהן מיר דאך אז דער דור מיט דעם מלך זענען אמאהל ניט גלייך אין פרומקייט . ענטפערט דיא גמרא מען מיינט וועגן כעס אונ עניוות . איינער האלט אויב דאס פאלק זענען גוטע מענטשן אונ לעבן איינער מיט דעם אנדערן מיט פרידען . שטעלט גאט אויף אויך זייא א פירער אויך אזעלכין וואס זאל זיין א גוטער מענטש אונ זאל זייא פירען מיט גוטען . אונ אויב דאס פאלק זענען כעסנים אונ קריגן איינער מיט דעם אנדערן : שטעלט גאט אויף זיי א פירער וואס איז א שלעכטער אונ א כעסן . אונ איינער זאגט אזוי וויא דער פירער איז דער דור . אז דער פירער איז א גוטער לערנען זיך אפ פון איהם זיין פאלק זייא זאלען אויך גוט זיין . אונ אויב דער פירער איז א שלעכטער לערנען זיך אפ פון איהם זיין פאלק זיי זאלען אויך שלעכט זיין :

המקדיש

דור הנאה. ידור שלא יחזירנה לעולם דשמא מתוך ערמה מגרש לה שתגבה כתובתה מן ההקדש ויחזירנה: קנוניא. ערמה: אטו כל דמגרש בב"ד מגרש. שילמדו לו דור הנאה ילך בלעזה ויגרשנה: דכהן הוה. רב הונא ואי הוה מגרשה לא מצי לאהדורי: כרשב"ג. במסכת כתובות האומר

## שום היתומים פרק ששי

(דף כג) **א משנה** המקדיש נכסיו והיתה עליו כתובת אשה ר"א אומר כשיגרשנה ידור הנאה וכו'. כיוצא בדבר ארשב"ג אף הערב לאשה בכתובתה והיה בעלה מגרשה ידירנה הנאה שמא יעשה קנוניא על נכסים של זה ויחזיר את אשתו: **גמ'** משה בר עצרי ערבא דכלתיה הוה רב הונא בריה צורבא מרבנן הוה ודחיקא ליה מילתא אמר אביי ליכא דנסביה עצה לרב הונא דליגרשה לדביתהו ותיתבע כתובתה מאביה וליהדרה מהדרי א"ל רבא והאנן ידור הנאה תנן ואביי אטו כל דמגרש בב"ד מגרש לסוף איגלאי מלתא דכהן הוה אמר אביי בתר עניא אזלא עניותא ומי אמר אביי

## פרק ששי

**א** משנה. המקדיש. ווען איינער האט גזאגט מיין גאנץ פאר מעגין זאל זיין הייליג צו גאט: און ער האט גיגט זיין ווייב וואס זיא דארף אפ נעמען איר כתובה. נעמט זיא אוועק פון דעם פאר מעגין וואס דער מאן האט גיהייליגט וויא פיל איר כתובה איז. רבי אליעזר זאגט מיר האבען מורא טאמער האט ער חרטה אויף דעם וואס ער האט גיהייליגט זיין פאר מעגין. און ער וויל איצט צוריק אפ נעמען. דריבער האט ער אפ גירעט מיט זיין ווייב ער זאל זיא גטין וועט זיא אפ נעמען איר כתובה דער נאך וועט ער מיט איר צוריק חתונה האבען. האט מען גימאכט ווען ער גט איר מוז ער טאהן אנדר אדער שווערין אז ער זאל ניט צוריק חתונה האבען מיט איר. וועט ער שוין קיין פאלש ניט מאכען. נאך אזוי אזאך האט רבן שמעון בן גמליאל גזאגט אויב למשל ראובן האט גיוואלט נעמען אווייב. און דאס ווייב האט ניט גיוואלט גיטרויען ראובן דעם גבן. איז שמעון גיווען אערב ושמעון האט גזאגט צוא איר אויב ראובן וועט דיך גטין און וועט דיר ניט בצאלען דיין נדן. וועל איך דיר בצאהלען. און ראובן האט חתונה גיהאט מיט דעם ווייב. דער נאך וויל ער זיא גטין. האבען מיר מורא טאמער האבען זייא אזוי אפ גירעט צווישען זיך. ער זאל איר גטין וועט זיא אפ נעמען איר נדן פון שמעון דער נאך וועלין זייא ביידע צוריק חתונה האבען. דריבער איז דער דין ווען ער גט איר מוז ער אנדר טאהן אדער שווערין אז ער זאל זיא ניט צוריק נעמען. וועט ער שוין קיין פאלש ניט מאכען. דער ציילט דיא גמרא משה בר עצרי האט זיין זוהן גידארפט חתונה האבען. האט דאס ווייב ניט גיוואלט גיטרויען דעם נדן. איז איר שווער משה גיווען אערב אויב זיין זוהן רב הונא וועט איר גטין און וועט איר ניט בצאהלען דיא כתובה זאל ער בצאהלען. און דער רב הונא איז גיווען אלמדן און איז גיווארען אארעם מאן. האט אביי גזאגט עס איז ניטא ווער עס זאל געבין אעצה צו רב הונא. ער זאל גטין זיין ווייב וועט זיא אפ נעמען איר כתובה פון זיין פאטער משה. דער נאך וועט רב הונא מיט איר צוריק חתונה האבען. וועט ער האבען געלט: האט רבא גזאגט צו אביי מיר האבען דאך גילערנט אז ער מוז אנדר טאהן ער זאל זיא ניט צוריק נעמען. האט אביי גזאגט מוזין דען אלע מענטשין גטין זייערע ווייבער ביי בית דין. וועט רב הונא גטין זיין ווייב ניט ביי בית דין. נאר פר אנדערע מענטשין וואס ווייסען ניט דעם דין אז ער דארף אנדר טאהן. דער נאך איז דער וואוסט גיווארען אז רב הונא איז אכהן וועט ער ניט קענען מיט איר צוריק חתונה האבען. ווארום אכהן טאר דאך ניט נעמען אגרושה. האט אביי גזאגט נאך אארעם מאן גייט דיא ארעמקייט. פרעגט דיא גמרא האט דען אביי אזוי גזאגט אז מען מעג איינעם געבין אעצה אויף צו גינארין געלט ביי זיין חבר. אביי האט דאך גזאגט וועלכער הייסט אקלוגער רשע דער וואס גיט אעצה צוא פאר

אביי הכי והאמר אביי איזהו רשע ערום זה המשיא עצה למכור נכסים כרבן שמעון בן גמליאל בריה שאני וצורבא מרבנן שאני :

(דף כד) **ב פיסקא** המקדיש נכסיו מעלין לו תפלין. ההוא גברא דזבן לנכסיה אתא לקמיה דרב יימר א"ל סליקו ליה תפלין מאי קמ"ל מתני' היא דמקדיש נכסיו מעלין לו תפלין מהו דתימא התם הוא דסבר מצוה קא עבידנא אבל לענין זבוני מצ:ה דגופיה לא זבין אינש קמ"ל :

בשעת מיתה נכסי לך ואחריך לפלוני ויורד הראשון ומכר ואכל : רשב"ג אומר אין לשני אלא מה ששייר הראשון . וה"נ הוי רשע ערום :
המקדיש נכסיו . תפלין בכלל נכסיו : מעלין לו תפילין . ופודה אותן : סליקו ליה תפלין. אלמא לו תפלין מראשו עד שיפדם נדמים : מצוה קא עבידנא . דיהיבנא לבדק הבית הילכך אכל נכסיה הוה דעתיה :
אבקה של שביעית . עונה הסוחר בפירות שביעית

## המוכר את שדהו פרק תשיעי

(דף ל ע"ב) **א א"ר** יוסי בר חנינא בוא וראה כמה קשה אבקה של שביעית אדם נושא ונותן בפירות שביעית לסוף מוכר את מטלטליו שנאמר בשנת

---

קויפען דיא פעלדער ואויב ראובן האט גזאגט צו שמעון איך שיינק די פעלדער צו דיר אזוי לאנג וויא דוא וועסט לעבין אונ אז דוא וועסט שטארבען זאל גיהערין דיא פעלדער צו לוי : דער וואס גיט אעצה צו שמעון ער זאל דיא פעלדער פאר קויפען . דער הייסט אקלוגער רשע אזוי וויא רבן שמעון בן גמליאל האט גזאגט ואין די מסכת כתובות) . דער וואס וואלט גיגעבין צו רב הונא אעצה וואלט ער דאך אויך גיהייסען ארשע . ענפערט די גמרא ביי אפאטער מעג מען . אונ ביי א ארעמען למדן מעג מען אויך :

**ב** פיסקא . המקדיש . ווען איינער זאגט מיין פאר מעגין זאל זיין הייליג : זענען זיינע תפילין אויך הייליג : אונ מען שאצט די תפילין ווי פיל זייא זענען ווערט . אונ ער לייזט זייא אויס מיט געלט . אמענטש האט אמאהל גזאגט צו זיין חבר איך פאר קויף דיר מיין פרמעגין . איז ער גיקומען פאר רב יימר . האט רב יימר גזאגט מען זאל אראפ נעמען פון דעם מענטש די תפילין . ווארום דיא תפילין זענען אויך פאר קויפט גיווארין . גאר אויב ער וויל זאל ער בצאלען צו זיין חבר וויא פיל דיא תפלין זענען ווערט . פרעגט דיא גמרא וואס פאר אנייעם דער צייגט רב יימר עס שטייט דאך אזוי אין דער משנה דער וואס זאגט מיין פאר מעגין זאל זיין הייליג . זענען זיינע תפילין אויך הייליג . אונ אויב ער וויל אפ נעמען זיינע תפלין . שאצט מען זייא וויא פיל זייא זענען ווערט . אונ ער גיט אזוי פיל געלט צו הקדש . ענפערט דיא גמרא איך האלט מיינען ביי הקדש האט ער יא גימיינט אפילו דיא תפילין זאלען זיין הייליג . ווייל ער טראכט איך טוה דאך אמצוה מיט דעם וואס איך מאך הייליג מיין פאר מעגין . וואס איז דער חילוק צו טאהן אמצוה לייגען תפלין . אדער אוועק צו געבין די תפלין צוא הקדש . דער נאך אבער אז מען זאגט איהם תפלין לייגען איז אנדערע מצוה . מוז ער בצאהלען וויא פיל דיא תפלין זענען ווערט צו הקדש . אונ ער נעמט אפ דיא תפלין . אבער אז איינער האט גזאגט צו זיין חבר איך פאר קויף דיר מיין פאר מעגין . האט ער גאר גימיינט דאס פאר מעגין וואס ער טוהט ניט מיט זייא אמצוה . אבער די זאכען וואס ער טוהט מיט זיי אמצוה דם הט ער ניט פאר קויפט . אזוי וואלט איך זאגען . זאגט רב יימר אפילו צו זיין חבר איז אויך ארץ פר קויפט אפילו די תפלין אויך :

## פרק תשיעי

**א** אמר . רבי יוסי בר חנינא הט גזאגט קום אונ זעה וואס פאר אשטראף עס איז אפילו אויף דיא קלענסטע עבירה פון שמטה . אז אמענטש האנדילט מיט דיא פירות וואס וואקסט אין דעם זיבעטן יאהר (דאס איז שמטה) . וועט ער גישטראפט ווערין אז ער וועט ווערין אארעם

(ויקרא כה) בשנת היובל הזאת תשובו איש אל אחזתו' וכתיב (שם) וכי תמכרו ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך דבר הנקנה מיד ליד. לא הרגיש לסוף מוכר את שדותיו שנא' וכי ימוך אחיך ומכר מאחזתו. לא באת לידו לסוף מוכר את ביתו שנאמר (ויקרא כה) ואיש כי ימכור בית מושב. מ"ש התם דקאמר לא הרגיש ומ"ש הכא דקאמר לא באת לידו כדרב הונא דא"ר הונא כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה נעשית לו כהיתר. לא באת לידו סוף שמוכר את בתו שנאמר (שמות כא) וכי ימכור איש את בתו לאמה ואע"ג דבתו לאו בהאי ענינא כתיב ניחא ליה לאינש דלזבון ברתיה ולא לוזיף ברביתא דאילו התם מיגרעא ואזלא והכא קא

ולהכי קרי ליה אבק בלשון זה עיקר גאולה כל היסוד בשביעית: וכתיב וכו'. וסמיך ליה וכי תמכרו ממכר ודרשינן סמוכין וכי תמכר התמונה אם לא תמכרו מצוה יובל סופכם נמכור מטלטלים וכלי תשמיש: הנקנה מיד ליד. דהיינו מטלטלין: לא הרגיש. לא נזדעזע לשוב מן העבירה: (מאי שנא דקאמר לא הרגיש וכו'. דמשמע כאלו יודע שעשה עבירה פורש. וכאלו לידו ר"ל לא עלה על לבו שעשה עבירה: מיגרעא ואזלא. ביוגא בגאולות באלו פדיון המוכר לע"ז. לשון גלים): זהו לשון רבי'. לא באת לידו. משמע שלא עלה על לבו שיהא שעשה בזה עבירה: נעשית לו כהיתר. דומה כעיניו כהיתר היכך כשיבא דלא עבר עדיין אלא פעם אחת תני הרגיש דמשמע שהיה יודע ג"כ אל לבו שהיה עובר הכל לא נזדעזע מן העבירה ועכשיו ובפעם שניה תני לא באת לידו שהביאו על לבו אין שולה בהאי עבירה: ניחא ליה לאינש דליזבון ברתיה ולא לוזיף ברביתא. דהכית כתיב בהאי ענינא דכתיב אל תקח מאתו נשך ותרבית וגו' הא והאי מקמי הכי כתב זבנה לברתיה דהכי ניחא ליה: פדיון בתו מגרעה ואזלא. בשפחה



---

מאן אונ וועט דארפן פאר קויפען זיינע זאכען פון שטוב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דעם יאהר וואס הייסט יובל זאל יעדער מענטש צוריק קומען צו זיין פאר קויפטען פאר מעגין. האט דיא תורה גזאגט אין דער פרשה מען זאל היטען די דינים פון יובל און יובל מיט שמטה זענען ביידע גליך. אבער אז ער וועט ניט היטען דיא דינים פון יובל און שמטה ומפקיר צו זיין דיא פירות וואס וואקסט אום יובל אדער אום שמטה. נאר ער וועט האנדלען מיט זייא. שטייט ווייטער אין פסוק זיין שטראף וועט זיין דוא וועסט פאר קויפען אפאר קויפונג צוא דיין חבר אדער דוא וועסט קויפען פון דיין חבר. דאס מיינט מען דוא וועסט פאר קויפען צו דיין חבר דייגע זאכען פון דיין שטוב וואס דאס ווערט גיקויפט און פאר קויפט. און אז דער מענטש האט שוין פאר קויפט די זאכען פון זיין שטוב לא הרגיש. און ער הט ניט מורא פר די עבירה ער זאל טאהן תשובה נאר ער האנדלט ווייטער מיט דיא פירות וואס וואקסט אום שמטה. וועט ער מוזען פאר קויפען זיינע פעלדער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיין ברודער וועט ארים ווערן און ער וועט פאר קויפען זיינע פעלדער. און אז דער מענטש האט שוין פאר קויפט דיא פעלדער אויך. לא באת לידו. און עס איז איהם גאר ניט גיקומען אין הארצן אז דאס איז אעבירה. נאר ער האנדלט ווייטער מיט די פירות וואס וואקסט אום שמטה. וועט ער מוזען פאר קויפען זיין שטוב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק און אז אמענטש וועט פר קופן אשטוב וואס זיא איז אין אשטאט וואס ארום די שטאט איז דא אטאהער. פרעגט די גמרא פאר ווס פריער זאגט מען לא הרגיש. דער נאך זאגט מען לא באת לידו. ענפערט דיא גמרא דס איז וויא רב הונא האט גזאגט אז אמענטש טוהט איין מאהל אעבירה האט ער מורא. אז ער טוהט דיא זעלבע עבירה נאך אמאהל. איז שוין דס ביי איהם גאר קיין עבירה ניט. נאר אזו וויא אלע זאכען וואס מען מעג. דריבער נאך דעם ערשטען מאהל שטייט לא הרגיש. ער האט ניט מורא גיהאט פר די עבירה. אבער ער הט נאך גירעכענט אז דאס איז אעבירה. נאך דעם אנדערן מאהל שטייט לא באת לידו. עס איז ביי איהם גליך וויא צו זיין האנט איז גאר ניט גיקומען אעבירה. ווארום ער רעכענט דאס גאר ניט פאר אעבירה. זאגט דיא גמרא אויב ער רעכענט דאס ווייטער ניט פר אעבירה און ער האנדלט נאך מיט די פירות פון שמטה. וועט ער אזוי ארעם ווערן אז ער וועט מוזען פאר קויפען זיין טאכטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז אמענטש וועט פאר קויפען זיין טאכטער זיא זאל זיין אדינסט. אפילו דיא פאר קויפונג פון זיין טאכטער שטייט דאך ניט ביי שמטה. נאר מיר וויסען אז עס איז בעסער פאר אמענטשין ער זאל פאר קויפען זיין טאכטער נאר ער זאל ניט בארגין געלט צו צאהלען פראצענט. ווארום

קא מוספא ואזלא . לא באת לידו סוף שילוה ברבית שנאמר (ויקרא כה) וכי ימוך אחיך וכתיב (שם) אל תקח מאתו נשך ותרבית . לא באת לידו סוף שמוכר את עצמו שנאמר וכי ימוך אחיך עמך ונמכר לך . לא לך אלא לגר שנא' לגר. ולא לגר צדק אלא לגר תושב שנאמר לגר תושב. משפחת גר זה נכרי. כשהוא אומר לעקר זה הנמכר ונעשה משרת לע"ז עצמה :

(דף לא) ב משנה, הגיע יום י"ב חדש ולא נגאלה היתה חלוטה לו אחד הלוקח ואחד הניתן לו במתנה שנא' (ויקרא כה) לצמיתת (ע"ב) בראשונה היה נטמן יום י"ב חו"ש שתהא חלוטה לו התקין הלל הזקן שיהא הולש את מעותיו בלשכה ויהא

מכירת הבת אינה שהאמ' שבתה אלא עד ביניהו ימי נערות ואם בא לפדותה בתוך כך מחשב השנים במכירה כמה מגיע לכל שנה בכיתה ראויה לגיזת ביד האדון וכפי אותו החשבון המגיע לכל שנה מנכה לו האדון לכל שנה ושנה שעמכתו כדאמרי' בקידושין (דף יח) והפדה מלמד שמגרעת פדיונה ויוצאה : ונעשה משרת . נעשה משרת לע"ז לחטוב עצים ולשאוב מים :

(תרגום לצמיתות להלוטין וכן ויחלטו ממנו עניא חלטו כענין וכמו אותו דין פסוק והתוך):

היה נטמן . הלוקח ביום י"ב חדש כדי שלא ימצאהו מוכר ליתן לו מעותיו ויהא חלוט לו : (הולש את מעותיו . אפשר שיהיה מגין ויתלים יהושע ויהא פירושו שמראה מעותיו בלשכה ואפשר שהיא לשון מיוחד לנתינת המעות): ז"ל רש"י : שיהא הולש .

---

אז ער פר קויפט זיין טאכטער קען ער זיא נאר פר קויפען ביז אאויס גיזעצטע צייט וויא עס שטייט אין די סדרה משפטים . וועט דאך אלע יאהר אפ גירעכנט ווערין דאס געלט אונ ער ווערט אלע מאהל ווייניגער שולדיג . אבער פראצענט וואקסט אונ ער ווערט אלע מאל אגרעסערער בעל חוב . אונ אז דא ביי שמטה שטייט אז ער וועט אזוי ארעם ווערין אז ער וועט מוזען בארגן געלט צו צאהלען פראצענט . וויסען מיר אז פריער האט ער שוין פאר קויפט זיין טאכטער . זאגט דיא גמרא אז ער האנדילט ווייטער מיט דיא פירות פון שמטה . אונ ער האלט דאס ניט פאר אעבירה . וועט ער אזוי ארעם ווערין אז ער וועט מוזען בארגען געלט אונ צאהלען פראצענט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיין ברודער וועט ארעם ווערין אונ וועט דארפען דוא זאלסט איהם בארגין געלט זאלסטו ניט נעמען פון איהם פראצענט . אונ אויב ער האנדילט ווייטער מיט דיא פירות פון שמטה . וועט ער אזוי ארעם ווערין אז ער וועט מוזען זיך אליין פר קויפען פאר אקנעכט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיין ברודער וועט ארעם ווערין אונ ער וועט מוזען פאר קויפט ווערין פאר אקנעכט צו דיר . אונ ניט נאר צו דיר [צו איוד] וועט ער פאר קויפט ווערין . נאר צו אגר וועט ער פאר קויפט ווערין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער וועט פאר קויפט ווערין צום גר . אונ ניט צו אאמת'ין גר וועט ער פאר קויפט ווערין . נאר צוא אגר תושב [דאס איז אגוי וואס האט זיך מגייר גיוועזן נאר ער זאל גלויבען אז עס איז דא אגאט אויף דער וועלט . אזוי וויא איוד גלויבט . נאר דיא מצות פון דער תורה היט ער ניט . אונ ווייל דער גוי וואס האט ניט גיגלויבט אין גאט האט ניט גיטארט זיצען אין ארץ ישראל . אונ דער גר האט יא גימעגט זיצען אין ארץ ישראל . דריבער האט מען איהם גירופען גר תושב . ער איז אגר נאר צו מעגין זיצען אין ארץ ישראל] . אונ ער וועט נאך מוזען פאר קויפט ווערין צו די משפחה פון גר . צו אגוי . אונ אז עס שטייט אין פסוק ער וועט מוזען פאר קויפט ווערין לעקר . דאס מיינט מען ער וועט מוזען פאר קויפט ווערין ער זאל בדינען צו די עבודה זרה אליין . ער זאל האקין האלץ אונ שעפין וואסער אונ אויס קערין פאר דיא עבודה זרה אונ איר ריין מאכען אויס פוצען :

ב משנה. הגיע . דער דין איז אז ראובן האט פאר קויפט צוא שמעון אשטוב אין אזוי אשטאט וואס ארום איר איז דא אמאהער . האט ראובן צייט צוועלף חדשים אויס צוא לייזען דיא שטוב פון שמעון . אונ אז עס קומט דער לעצטער טאג פון צוועלפטין חודש אונ ראובן האט ניט אויס גילייזט . איז דיא שטוב געבליבען פאר פאלען ביי שמעון . סיי שמעון האט די שטוב גיקויפט ביי ראובן . אונ סיי ראובן הט די שטוב גישיינקט צו שמעון . בלייבט אלץ דיא שטוב פאר פאלען ביי שמעון נאך דיא צוועליף חדשים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק

לצמיתות

הולס על גביו וכדגרסינן מקילין חנויות של אקדשים שיהא מע"ל מעותיו ללשכה שבעזרה : ויהא שובר את הדלת . של בית שמכר ונכנס :
אלא מקיש ביאתם בימי עזרא . דהא כי לא עשו נמי הסוכות מהדר אלא ה"ק כי לא עשו תב שעשו עכשיו מימות יהושע ומאי ניהו קידוש הארץ : מה שמיטין . התחילו למנות שמיטין

ויהא שובר את הדלת ונכנס אימתי שירצה והלה יבא ויטול את מעותיו :

(דף לב) (נחמיה ח) ג ויעשו כל הקהל השבים מן השבי סכות וישבו בסכוה כי לא עשו מימי ישוע וגו' אפשר בא דוד ולא עשה סכות (בא שלמה ולא עשה סכות) עד שבא עזרא אלא מקיש ביאתם בימי עזרא לביאתם בימי יהושע בן נון מה ביאתם בימי יהושע מנו שמיטין ויובלות וקדשו ערי חומה (נתחייבו בתרומות ובמעשרות) אף ביאתם בימי עזרא וכו' ואידך דבעו רחמי על יצרא דע"ז ובטלום ואגן זכותא עלייהו כי סוכה (דף לג) (מ"ב כג) ויאמר מה הציון הלז אשר אני רואה ויאמרו אליו אנשי העיר הקבר איש האלהים אשר בא מיהודה ויקרא את

---

לצמיתות . אויף אייביג . אין אנהייב פרעגט דער קויפער זיך בעהאלטין דעם לעצטען טאג פון דעם צוועלפטין חודש . דער פאר קויפער זאל ניט קענען אים צוריק געבין דאס געלט . וועט דיא שטוב בבייבען ביי אים אויף אייביג . האט הלל הזקן גימאכט אתקנה . אז דער קויפער וועט זיך בעהאלטין . זאל דער פאר קויפער אריין ווארפען די געלט פון די שטוב אין צדאקמין אין די עזרה . אונ ער זאל צו ברעכין די טיר פון זיין שטוב אוב זיא איז פארשלאסין אונ ער זאל אריין גיין וואהנען אין זיין שטוב ווען ער וויל . אונ דער קויפער זאל קומען אין די עזרה אונ זאל אפ נעמען זיין געלט :

ג ויעשו . דאס גאנצע פאר זאמלונג פון יודען וואס האבען צוריק גיקערט פון גיפינקעניס (פון בבל) . האבען גימאכט סוכות אונ זיי זענען גיזעסין אין די סוכות . ווארום זיי האבען ניט גימאכט (סוכות) פון דער צייט וואס יהושע בן נון האט גילעבט ביז איצט . פרעגט דיא גמרא ווי קען דאס זיין אז פון יהושע בן נון ביז איצט האבען יודען ניט גימאכט סוכות . דוד איז גיוועזען א מלך ביי יודען אונ ער האט גילאזען יודין זאלען ניט מאכען סוכות . שלמה איז גיוועזען איין מלך בייא יודען אונ ער האט גילאזען יודען זאלען ניט מאכען סוכות . ביז עזרא איז גיקומען האט מען איצט גימאכט סוכות . ענטפערט די גמרא די ווערטער זיי האבען ניט גימאכט . מיינט מען ניט זיי האבען ניט גימאכט סוכות . סוכות האבען יודען אלע מאהל גימאכט . נאר אזוי מיינט מען וואס די יודען האבען איצט גימאכט . האבען זיי ניט גימאכט פון דער צייט ווען יהושע בן נון האט גילעבט ביז איצט . ווארום מיר גלייכען דעם קומען פון יודען אין ארץ ישראל אין די צייט פון עזרא . צו דעם קומען פון יודען אין ארץ ישראל אין די צייט פון יהושע בן נון אזוי ווי ווען די יודען זענען גיקומען אין ארץ ישראל אין די צייט פון יהושע האבען זיי גיציילט זיין אונ פערציג יאהר אונ דעם פופציגסטען יאהר האבען זיי גימאכט יובל . אונ די אלע שטעט וואס האבען גיהאט ארום א מאהער האבין זיי גיהייליגט . אונ זיי האבין אנגיהויבין צו געבין תרומה אונ מעשר . אזוי ווען זייא זענען אריין גיקומען אין ארץ ישראל אין די צייט פון עזרא . האבען זיי אויך אן גיהויבען צו ציילען שמטה אונ יובל אונ צו געבין תרומה אונ מעשר אונ זיי האבען גיהייליגט אלע שטעט וואס האבען ארום א מאהער . אונ דער אנדערער זאגט דיא יודען האבען גיבעטין גאט זאל פון זיי צו נעמען דעם יצר הרע פון עבודה זרה . אונ גאט האט פון זיי צו גינומען דעם יצר הרע פון עבודה זרה . אונ דער זכות האט בשיצט אויף דיא יודען אזוי ווי א סוכה . עס שטייט אין פסוק דער מלך יאשיהו האט גיפרעגט וואס איז דער צייכען די מצבה וואס איך זעה . האבען די מענטשין פון שטאט גיזאגט צום מלך דאס איז דער קבר פון דעם גאטליכען מאן וואס ער איז גיקומען פון יהודה אונ ער האט גירופען גיזאגט דיא אלע זאכען וואס דו האסט גימאכט אויף דעם מזבח וואס אין בית אל . פרעגט די גמרא ווי קומט יאשיהו

את הדברים האלה אשר עשית על המזבח בבית אל וכי מה טיבו של יאשיהו בבית אל אלא כשהחזירן ירמיהו יאשיה מלך עליהם רב נחמן בר יצחק אמר מהכא (הושע ו) גם יהודה שת קציר לך בשובי שבות עמי :

והחזירן במכשר : (מה טיבו של יאשיה בבית אל . והלא בית אל ממלכי ישראל היה ויאשיהו מלך יהודה היה כשהחזיר ירמיה לישראל מהגולה) : קציר . קצין דגו"ן מתחלפת בכי"ש כדכתיב נבוכדנאצר נבוכדראצר :

## סליק מסכת ערכין

## מסכת תמורה פרק ראשון

(דף ג) **א אמר** רב אידי בר אבין אמר רב עמרם א"ר יצחק אר"י רבי יהודה אומר משום ריה"ג כל לא תעשה שבתורה עשה בו מעשה לוקה לא עשה בו מעשה פטור חוץ מנשבע ומימר ומקלל חבירו בשם אע"פ שלא עשה מעשה חייב משום ר' יוסי בר"ח אמרו אף המקדים תרומה לבכורים נשבע מנ"ל א"ר יוחנן משום רשב"י אמר קרא (שמות כ) כי לא ינקה ה' את אשר ישא את שמו לשוא ב"ד של מעלה (ע"ב) אין מנקין אותו אבל ב"ד של מטה מלקין ומנקין אותו א"ל רב פפא לאביי ואימא לא תיהוי ליה נקיות כלל א"ל א"כ לכתוב קרא

נשבע. מנ"ל ד לוקה : נקיות כלל . דאין מלקין אותו ב"ד של מטה :

---

יאשיהו אין בית אל . נאר ווען ירמיה האט צוריק געקערט די יודען פון גלות האט יאשיהו איף זיי געקיניגט. רב נחמן בר יצחק זאגט פון דעם פסוק גם יהודה שת קציר לך בשובי שבות עמי . דער ווארט קציר איז גלייך וויא עם וואלט געשטאנען קצין [אפירשט] . זאגט דער פסוק ווען איך וועל צוריק קערין די צוריק קערונג פון מיין פאלק דער מלך וואס קומט ארויס פון שבט יהודה וועט זיין אמלך אויף אלע יודען . אויף די צעהן שבטים אויך :

## פרק ראשון

**א** אמר . רב אידי בר אבין האט ג זאגט פון רב עמרם ווענין אז רבי יצחק האט גיזאגט פון רבי יוחנן ווענין אז רבי יהודה האט גיזאגט פון רבי יוסי הגלילים ווענין אלע זאכען וואס עם שטייט אין דער תורה מען זאל דאס ניט טאהן . אונ ער האט יא גיטאהן . שלאגט מען איהם מלקות . אבער אז די תורה האט פאר באטין אזאך אונ אין דער זאך איז ניט דא קיין טוהאכץ . למשל די תורה הט גיזאגט מען זאל ניט ריידען רכילות . אונ ער הט יא גירעט. קומט איהם ניט קיין מלקות . נאר אז איינער שווערט פאלש . אדער ער האט גיזאגט אויף איין בהמה זי זאל זיין אקרבן . דער נאך זאגט ער די בהמה זאל זיין אומגיטאהשט אויף איין אנדער בהמה . אונ די אנדערע בהמה זאל זיין אקרבן אונ די ערשטע בהמה זאל שוין ניט זיין היילינ : אדער ער פלוכט דעם חבר מיט דעם נאמען פון גאט . אפילו ער האט דאך דא גאר ניט גיטאהן . ער האט נאר גירעט . פון דעסטוועגין קומט מען זאל איהם שלאגין מלקות . פון רבי יוסי ברבי חנינאס ווענין האט מען גיזאגט אז איינער גיט תרומה צום כהן איידער ער הט נאך גיברייננט בכורים . קומט אויך מען זאל איהם שלאגין מלקות . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז אויף פאלש שווערין קומט מלקות . האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים ווענין עס שטייט אין פסוק גאט וועט ניט ריין לאזען דעם מענטש ווס ער וועט שווערין ביי זיין נאמען פאלש . דער בית דין וואס אויף דעם הימעל וועלין איהם ניט ריין לאזען פון די עבירה אבער דער בית דין וואס דא אויף דער ערד שלאגין איהם מלקות אונ ער ווערט ריין פון די עבירה . האט רב פפא גיזאגט צו אביי טאמער מיינט דיא תורה ער זאל גאר ניט ריין ווערין פון דיא עבירה . פון דעם בית דין וואס אויף דער ערד אויך ניט . האט אביי גיזאגט אויב דער

פכוק